STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00337

# FUN MAYN GORTN

Joseph Kaitz

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Nina Rosenberg Schooler*
*in memory of*
*Wowo Rosenberg*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# פון מיין גאָרטן

קורצע דערציילונגען

פון

יאָסל קוצענאָגי

(סיץ)

●

ניו-יאָרק, 1935

FROM MY GARDEN ● SHORT STORIES, BY
JOSEPH KUTZENOGY (KAITZ) ● COPYRIGHT
1935, BY JOSEPH KAITZ. :: :: ::

●

געזעצט פון
משה האלענדער

פארלאג
„סיץ“, ניו-יארק

Printed in U. S. A.

# אינהאלט:


זייט

שאָטנס ... 7
פרילינג ... 16
פאַרוואָלקנט ... 19
אייערע ניו-יאָרקער ... 23
ליטעראַרישע געסט ... 28
שיקאַגער שלאַכט-הייזער ... 34
ביי די ניאַגראַ-פאָלס ... 37
קאַליפאָרניע ... 40
לאָס אַנגעלעס ... 42
סאַן פראַנציסקאָ ... 44
בלומען ... 46
שפּענדלעך ... 49
פאַרנאַכט ... 73


## מיניאַטורן:


ער וועט, ער וועט... ... 91
העכער פון אַלע ... 94
אויפן לעבנס-מאַרק ... 95

זייט


א שפיל .......... 97

קישעלעך .......... 99

ביינאכט .......... 101

א ליבע .......... 102

איר וויטיק .......... 104

צוויי מאמענטן .......... 105

און דאך .......... 107

א נייע ליבע .......... 108

מערי .......... 110

ווי גוט און שיין .......... 111

א קוש .......... 113

אמאל איז א פרוי געווען .......... 115

מיט זיך .......... 116

דאם חזיר-ליד .......... 118

פארט ווייטער ! .......... 120

בין-השמשות .......... 122

צוויי וועגן .......... 124

מאי-קא-משמע-לן ! .......... 127

ל י י ק ע ן —
דאָס בוך אַ מתנה.

# שאַטנס

פרענק׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז ער שטייט אויפן שוועל פון ז י י ן.

צווישן אַלעם און גאָרנישט.

ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז ענגער און שטייפער ווערט די שטריק, וועלכע עמיצער, וועמען ער קען ניט און ווייסט ניט, האָט אויף זיין האַלדז אַרויפגעוואָרפן און ציט, ציט...

ווער ציט דאָס?

און שטאַרק איז די האַנט, אַלמעכטיק... און מיט איין האַנט־ריר ווערן טויזנטער לעבנס אויסגעלאָשן.

ער דערמאָנט זיך:

קינדערווייז האָט ער צוגעקוקט, ווי מען האָט אַן אָקס געקוילעט. האָט ער זיינע אויסגעגלאָצטע אויגן דערזען און איז אַ לאַנגע צייט נאָכדעם צעמישט געווען. וואוהין ער האָט נעקוקט, האָט ער פאַר זיך די אויסגעגלאָצטע אויגן געזען.

נאָר דאָס איז שוין זייער לאַנג געווען. ער האָט שוין געהאַט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם. טאָ וואָרום זשע האָט ער לעצטנס נאָכאַמאָל אָנגעהויבן די אָקסענע אויגן צו זען?

„הייסט עס" — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט — „אַז אַלעם איז געענדיקט?"

פרענק האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבערן צימער, זיין קליינע, כמעט מיידעלשע, האַנט אַריינגערוקט אין זיינע

צעשויבערטע האָר און אָנגעהויבן זינגען אַ היימישע פאָלקס-ליד.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָט לאַנג געקוקט אין דער טומלדיקער גאַס, פאַר זיך געזען אַסך פאַרזאָרגטע, שנעל לויפנדיקע, מענטשן.

ער האָט געעפנט דאָס פענצטער. אַ פריילעך ווינטל האָט זיך אַריינגעריסן אין צימער, זיך פאַרטשעפּעט אין זיינע לאַנגע האָר, געגלעט זיין געזיכט, ערגעץ וואו געררופן און פון באַפרייטע, ברייטע און גרינע, סטעפּעס אַ גרוס איבערגעגעבן...

* * *

פרענק האָט פאַררויכערט אַ סיגאַר, זיך אוועקגעזעצט אין אַ ווינגשטול און, אַריינציענדיק אין זיך דעם רויך, זיך דערמאָנט:

אָט קומט ער נאָר וואָס אָן. פון אַ סטודענט ווערט ער פּלוצלינג אַ — „גרינער״. אַלע אַרומיקע לערנען אים ווי אַזוי זיך צו פירן, וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו ריידן און וואָס צו ריידן...

— ווי אַזוי גלייכסטו אַמעריקע? — האָט מען אים פון אַלע זייטן געפרעגט און ניט דערוואַרטנדיק זיך אויף אַן ענטפער, האָבן די פרעגער צוגעגעבן:

— דו „גרין״ זיך נאָר אויס און ס׳וועט שוין זיין „אָלרייט״.

* * *

ער האָט זיך אָנגעהויבן „אויסגרינען״: זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן, געאַרבעט ביי וואָס ס׳האָט זיך געטראָפן,

נעטאָן פאַרשיידענע זאכן, אָבער „אָלרייט“ — ניט געווען!

ער האָט ניט געקענט רואיק אָפּשקלאָפן דעם טאָג אין שאָפּ, ווען אין גאַס איז אזוי פריילעך, ווען די זון האָט אזוי הארציק געוואָרימט און די פרייע לופט האָט שטיפעריש צו זיך געצויגן.

האָט ער בעסער שפּאַצירט איבער די גאַסן, זיך געקוויקט מיט דער פרייהייט און... געהונגערט.

און ביינאַכט —

איז דען אויף ברוקלין-בריק ניט גוט זיך אויסצושלאָפן?

דער פּאָליסמאַן זאָל נאָר צורו לאָזן, וואָלט געווען אויס-געצייכנט גוט; לאָזט ער אָבער ניט.

מוז מען זוכן א „דזשאָב“.

— אז ער וויל ניט ארבעטן! — האָבן די לאַנדסלייט אָנגעפאַנגען צו טייטלען אויף אים מיט די פינגער.

נעמט ער זיך אָן מיט קראַפט, באַשליסט צו ווערן א לייט און פאַנגט אָן העמדער צו פּרעסן.

פּרעסט ער אָפּ איין העמד, די צווייטע. פּרעסט א טאָג און צוויי, און וואונדערט זיך:

— וואָס פאַר א שכל איז צו שטיין א גאַנצן טאָג, שוויצן איבערן פּרעסל און מאַכן מיט דער האַנט הין און צוריק?

פאַנגט זיך אָן א נייע סדרה פון הונגער...

* * *

גייען פאַר אים פאַרביי די אַלע מרה-שחורהדיקע טעג, אָן א רופלאַץ ביינאַכט, אָן א דערקוויקונג בייטאָג.

נאָר פון דערווייטנס האָט אים א שטראַל געוואָרימט — ראָזעטשקע!

— אויף א צייט וועלן מיר זיך צעשיידן, די גאַנצע צייט ניט איבערשרייבן זיך און נאָך פינף יאָר זיך טרעפן...

איר איז געפעלן געוואָרן דער פּלאַן פון אַנדרייען מיט מאַריען ביי טאָלסטאָיען.

איז ער אוועק קיין אַמעריקע און ציילט די טעג.

און לאַנג, לאַנג ציט זיך די צייט און ווען וועט זיך דאָס שוין ענדיקן ?...

ס׳טרעפט זיך, צייטנווייז, פאַנגט ער אָן אַזוי שטאַרק צו בייַנקען, ס׳ווילט זיך אים, אַזוי שטאַרק, זי זען, אַז א בלאַסער, א פאַרגליווערטער בלייבט ער שטונדן אין זיין בעטל ליגן, פאַרמאַכט די אויגן, פאַרבייסט די ליפּן און בעט אין דער נאַכט-שטילקייט :

„ר אָ ז ע ט ש ק ע !“...

נאָר גלייכגילטיק בלייבט צו אים די נאַכט-רואיקייט ; שווייגט דאָס צימער, נאָר די קישנס שלינגען איין, און דער-ווארגן, די ניט-דערענדיקטע פראַזן, די ניט-אויסגעשריענע באַנגערן...

און צו-מאָרגנס, א צעטומלטער, א צעדולטער, בלאָנ-דזשעט ער אַרום אין די גאַסן, זוכט און קוקט נאָך יעדע פרויען-געשטאַלט :

— „איז דאָס ניט זיין ראָזעטשקע ?“

* * *

זיך געקליבן אהיים צופאָרן, האָט — די וועלט-איבער-קערעניש אויסגעבראָכן !

א בלוט-מבול האָט אויף דער וועלט זיך אויסגעגאָסן און זיין לעצטע האָפנונג צעשטערט.

און דאָ —

אַ זון פאַר אַ טאַטן האָט קוילן געשאָפן, פריינט פאַר פריינט האָבן שפּיזן געשאַרפט און „טאָלערס“ געמאַכט.

און פרענק איז נאָך אַלץ אָן אַרבעט אַרומגעגאַנגען.

לאַכן די זייטיקע:

— אַזאַ פוילער, אַזאַ געלעגנהייט און ער לאָזט עס דורך.

און פעטע באַנק-ביכלעך זיינען געשאָפן געוואָרן, זייַדענע, צענדאָלערדיקע, העמדער געטראָגן, גראָבע בייכער באַקומען און —

דאָרט האָט זיך בלוט געגאָסן!

* * *

אָבער אָט איז זי!

— ליבסטע! קאַלט זיינען דיינע הענט, צי קלאַפּט ניט דיין האַרץ פון מיינע צערטלעכקייטן? פילסטו ניט מיין נשמה-היץ, מיין קערפּער-פייער? דיינע אויגן זיינען אַזוי רואיק, פאַרשטיינערט, ווי ביי אַ... טויטע!

און שרעקלעך ווערט פרענק׳ן פון דעם וואָרט:

„אַ טויטע“.

שלענגעלט ער זיך אַרום איר, וויל איר מיט זיין אָטעם דערוואַרימען, אָבער זי פאַרבלייבט אַ גלייכגילטיקע, אַ קאַלטע, אַ שטילע...

אַ טויטע — און דאָך לעבט זי!

לעבט, באַוועגט זיך, ענטפערט אויף פראַגן און קוקט אַזוי שאַרף, מיט האַס, אויף אַלעם און אַלעמען...

וואָרום אַזוי?

* * *

און זי זאָגט:

— רוק זיך אָפּ פון מיר, ווייל דיין לײדנשאַפט שניידט מיין האַרץ, ווייל דיין צאַרטקייט דערוועקט אין מיר נים־לאַנג איבערגעלעבטע, שווידערלעכע, מאָמענטן...

רוק זיך אָפּ פון מיר און איך וועל דיר אַלעס דערציילן:

ווען א לאַנד, וואָס האָט אַזוי לאַנג געבלוטעט, געריפֿן נאָך הילף און איר האָט זיי מעסערס דערלאַנגט...

וואָס מער בלוט ס׳איז גערונען, אַלץ זאַטער זענט איר געוואָרן...

קליידער־תכריכים פאַר אונדז צוגרייטנדיק, האָט איר זיך אין זיידנס און פוטערן באַקליידט, מיט דימענטן און גאָלד זיך באַצירט און אַ פעטערן מאַלצייט געקראָגן...

---

ליגן דאָרט, שורעסווייז, מענטשן אויף די גאַסן אויסגע־ליינט, וואַרטנדיק אויפן שטיקל ברויט; וואַרטן איין טאָג, צוויי טעג... און גרויס איז דער „עס״, בלייבן מענטשן אויפן דריטן טאָג אין „נעקסט״ וואַרטן...

בלייבט מען שלאָפן אויפן גאַס, וואַרטנדיק אויפן שטיקל ברויט, מיט דער האָפנונג אויף מאָרגן עטוואָס א דערלייכ־טערונג צו באַקומען.

און קומט דער „מאָרגן״, פונקט אַזאַ קאַלטער און פינצ־טערער און נאָך אַלץ קיין פאַרבעסערונג.

און וואָס האָט איר דאַן געטאָן?...

---

נאָר וואָס נאָך דער שלאַכט.

האָבן די קאַנאָנען אויפגעהערט צו דונערן, און מיר, די „נווירסעס" מיט די דאָקטוירים, לאָזן זיך אויפן שלאַכט-פעלד. און פיל זיינען די פאַרוואונדעטע, זייער פיל, און די מערסטע פון זיי — צום טויט געטראָפענע.

גייען פאַראויס די דאָקטוירים, באַצייכענען די, וועלכע קענען נאָך לעבן בלייבן, זאָל מען זיי אויף די טראַג-בעטלעך צונעמען, און די איבעריקע, ביי זייערע לעצטע גסיסה-מינוטן, דאָ, אויפן פעלד, איבערלאָזן.

טרעפט זיך צווישן די גויסעסדיקע, וועלכע באַגרייפן, פילן און פאַרשטיין, אַז מ'לאָזט זיי דאָ איבער צום מלאך-המות. און לעבן ווילט זיך דאַן אַזוי שטאַרק. שלעפן זיי אונדז ביי די קליידער, קושן די שיך און זיי בעטן, און זיי קרעכצן:

— לאָזט אונדז ניט מיטן טויט אַליין — נעמט אונדז מיט! דערגעצט אונדזער גומען, פאַרלייכטערט אונדזערע ווייטיקן...

און שרעקלעך איז דער יאָמער, און גרויזאַם איז דער מענטשלעכער גסיסה-קלאַנג. און איך, אַ באַרימהאַרציקע-שוועסטער, גיי פאַרביי, מאַך זיך ניט הערנדיק צו די אַלע געשרייען, אויפקלויבענדיק נאָר די, וועלכע דער דאָקטאָר האָט באַצייכנט...

---

ביינאַכט.

איך באַוואַך דעם האָספּיטאַל.

פון פאַרשיידענע ווינקלען הערט זיך אַ כאָרכלען: די לעצטע מינוטן...

שוועב איך ארום צווישן די בעטלעך און העלף זיי די אויגן אויף אייביק צומאכן.

---

א גערודער:
מ׳האָט נאָר-וואָס א מחנה פארוואונדעטע געבראכט.
גיי איך ארום צווישן די בעטלעך, קוק אויף די פאר-הונגערטע, דורשטיקע, מענטשלעכע געשטאלטן, זוך פאר-פרוירענע פינגער און —
שנייד זיי מיטן שערל אָפּ...

---

אין צוויי בעטלעך, איינע נעבן דער צווייטע, זיינען צוויי מענטשן, ביידע שווער פארוואונדעטע, געלעגן.
איז איינער פון זיי געשטאָרבן, דער אנדערער — צוריק געזונט געוואָרן און ער איז אוועק ווייטער אויפן שלאכט-פעלד.
פון זייערע פאפירן האָב איך זיך דערוואוסט, אז זיי זיינען ביידע ברידער, צוויי קינדער פון איין מאמען געוועזן.
און דער לעבעדיקער ווייסט ניט, און וועט קיינמאָל ניט וויסן, וועמענס טויטן קערפער ער האָט ארויסטראָגן געזען...

* * *

און וואָס ווייטער זי דערציילט, אלץ קעלטער ווערט איר ליב, אלץ רואיקער ווערט איר איינגעפאלן האַרץ.
שטיל איז איר קערפער, אומבאוועגלעך אירע אויגן, אייז-קאלט אירע דאָרע, אויסגעצויגענע, בלאסע פינגער.
נעמט פרענק די יונגע, נאָך ניט-צעבליטע בלום, וועמען

א שאַרפער פראָסט האָט פאר דער צייט געטויט — נעמט ער ראַזעטשקען אויף זיינע אַקסלען און לויפט מיט איר גע־שווינד, לויפט און לויפט... איבער גאַסן און געסלעך, ביזן פעלד דעם פרייען, דעם פעלד דעם גרינעם.

טרעפט ער דאָרט א נאַר־וואָס אויסגעגראָבענעם, אָפּע־נעם קבר, א קבר פאר צווייען.

פאַרבלייבט ער מיט איר דאָרט צוזאַמען און פילט, ווי זיין לעבנס־זאַפט רינט צוביסלעך אוים; די קבר־ווענט ווערן וואָס אַמאָל נענטער, נענטער און אָט־אָט וועלן זיי איינס ווערן...

* * *

ס׳איז שוין געווען שפעט אינדערנאַכט, ווען פרענק האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיך א לאַנגע צייט די אויגן געריבן און ניט באַגריפן וואו ער איז אין דער וועלט.

ער האָט אין צימער ליכטיק געמאַכט, אויפן טיש די „קלאַסיפיקיישאָן קאַרד״ פון „לאָקאַל באָרד״ מיטן „קלאַס איינס״ דערזען, און ס׳איז אים אַלעס קלאָר געוואָרן.

# פרילינג

סערע איז פונם בעט, אינם נאכט-העמד, אראפ, צוגע-לאפן צום פענצטער און ארויסגעקוקט אינדרויסן.

ס׳איז געווען מיטאג-צייט. איבערן גאס האבן זיך גע-זען איילענדיקע, פארנומענע, מענטשן, פון און אין די רעס-טאראנען און קליינע אינגלעך האבן א טומל געמאכט מיט די נאכמיטאג-צייטונגען, אויסשרייענדיק, וועגן א נייע רע-וואלוציע אין מעקסיקא.

סערע האט געפילט א שטארקן קאפ-ווייטיק, די פיס ווי אונטערגעהאקט און דער גאנצער קערפער ווי צעבראכן. איז זי א ווײלע שטיין געבליבן נעבן פענצטער און נאכהער זיך צוריק, אויפן בעטל, אויסגעצויגן.

ביינאכט זיינען זיי ביידע דא געלעגן. זי און ער.

ער פארט היינט אפ אין אן אנדער שטאט און איז גע-קומען צו איר זיך געזעגענען.

ווען ער איז אריין אין צימער, איז זי אויפן בעטל גע-לעגן. ער האט לאנג געטראכט: וואו זיך אוועקזעצן — אויפן שטול, אדער נעבן איר. ענדלעך, האט ער פאוואלינקע זיך אנגעשפארט אויפן עק בעט. ס׳האט געהייסן: יע און נים געזעסן...

דאס איז איר געפעלן — ער שעמט זיך.

האָט זי, פּלוצלינג, צו אים זיך צוגערוקט, אים אַרומגענומען, צו זיך אַ שטאַרקן דריק געטאָן און אים אָפּגעלאָזן.

דער בחור איז געבליבן זיצן אַן אָפּגעבריטער, מיט אַן אָפן מויל און באַרויטלטע באַקן.

זי האָט אים מיט די פיס, פונם בעט, אויפן דיל אַראָפּגעשטופּט.

האָט ער אַביסל מער מוט באַקומען און זיך נעבן איר אוועקגעזעצט.

פאַרזיכטיק האָט ער זי אָנגענומען ביים האַנט, זיך אַ לאַנגע צייט, מיט אירע פינגער, געשפּילט, געגלעט איר האַנט און אָנגערירט אירע גלאַטע אַקסלען.

סערע איז געלעגן שטיל, מיט פאַרמאַכטע אויגן און זיך ניט קיין ריר געטאָן.

ער האָט זי אַרומגענומען און אין די ליפּן אַ קוש געטאָן. זי איז געבליבן אומבאַוועגלעך.

אים איז, מיטאַמאָל, אומהיימלעך געוואָרן און ער האָט זי אָנגעהויבן צו מונטערן:

— סערע, סערע, דו שלאָפסט?

זי האָט ניט געענטפערט.

ער האָט זיך דערפילט פרעמד, איבעריק אין דעם צימער:

— וואָס טוט ער דאָ? ווארום שוויינט זי? און ווי אַזוי אַנטלויפט מען שוין פון דאַנען?...

און ער האָט זיך דערמאָנט:

מאָרגן פרי דאַרף ער אָפּפאָרן און נאָך ניט מיט אַלעמען זיך געזעגנט; די נייע שיך קוועטשן אים טאַקע, געדאַרפט

נעמען א גרעסערן נומער. און א היטל וועט ער זיך שוין קויפן אין דער צווייטער שטאָט.

ער האָט זיך אָפּגערוקט פון איר, ארויסגעלאָזן איר האַנט פון זיינע און זיך אָנגעפאַנגען צו קלייבן אהיים גיין.

דאַן האָט זיך סערע ווי אויפגעכאַפּט, זיך צוגערוקט צו אים און אים פאַרהאַלטן געוואָלט.

אָבער ער איז אַוועק.

אַוועק און גאָרניט געזאָגט.

און דאַן האָט זי אים, אַזוי שטאַרק, נעבן זיך, האָבן געוואָלט.

לאַנג האָט זי זיך געוואָרפן אויפן בעט, ס'האָט זיך אין איר צעפלאַקערט דאָס פייער פון גלוסט, ליבע און ליידנשאַפט און זי האָט זיך, לאַנג, באַרואיקן ניט געקענט.

זי האָט באַדויערט:

איר טבע, צו דערשרעקן זיך פאַר זאַכן, נאָך וועלכע זי גאַרט שוין אַזוי לאַנג ס'זאָל פּאַסירן...

און, מיט א שטאַרקע ביינקעניש, פאַרטאָג-צו איינגעשלאָפן.

און יעצט האָט זי אַזאַ שטאַרקן קאַפּוויטיק און ער איז טאַקע ניטאָ.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פונם בעט, דורכגעשפּאַנט און באַקוקט דאָס צימער עטלעכע מאָל און דערזען א האַלב-אויסגערויכערטן סיגאַר, וועלכן ער האָט ביינאַכט איבערגעלאָזן.

זי האָט זיך מיטן סיגאַר דערפרייט, אים פאַררויכערט און אָנפילענדיק ארום זיך אַסך רויך, איז איר עפּעס אַזוי היימלעכער, פריילעכער אויפן האַרצן געוואָרן...

# פאַרוואָלקנט

אַרבעט האָט זי געהאַט אַסך: איינגאַנצן אַ פּאָר מאָנאַטן נאָך דער חתונה, מ'דאַרף איינאָרדענען די הויז, איינקויפן מעבל, אויפהייגנען די פאָרהאַנגען, קויפן געשיר און דער עיקר —

מ'דאַרף מאַכן אַ „פּאַרטי" פאַר די קאָזינס, קוזינעס און די גאַנצע משפחה.

זי — אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרחלומטע, בייִנקט נאָך פרי-לינגס-טעג, נאָך אויסגעשטערנטע נעכט, נאָך גרינע לאָנקעס, נאָך ברייטע פעלדער.

אינמיטן ניו-יאָרק, די שטאָט פון אײַזן און שטאָל, סאָב-ווייז און טענעמענטס.

דער מאַן איז אַן אַרבעטער.

פאַרטאָג אַנטלויפט ער אין שאָפּ און בייַנאַכט — קומט ער אַ מידער אַהיים. גייט זי אַרום אַ צעמישטע, אַ פאַר-טרוימטע, דערלאַנגט דעם „סאַפּער" און מ'רעדט:

וועגן דער „פּאַרטי", וועמען מ'דאַרף איינלאַדן און וואו מ'זאָל שטעלן דעם „צוויי-אײַנאײַנעם" טיש, וועלכער דאַרף די טעג אָנקומען פון מעבל-געשעפט.

אַזוי נאַכט איין, נאַכט אויס.

און דאָ האָט מיט איר פּאַסירט אַן אומגליק:

— האָט זיך פאַרליבט אין אַן אַנדערן...

מ׳קען ניט זאָגן: פאַרליבט... ס׳איז עפּעס צו פּראָסט און זי וועט דאָס ניט דערלויבן אויפ׳ן געדאַנק אפילו אַזאַ זאַך: זיך פאַרליבן אין אַן אַנדערן די ערשטע פּאָר מאָנאַטן נאָך דער חתונה... אָבער אינזיך פילט זי עפּעס אַ נאָגעניש, אַ ווייטיק און אַ שטאַרקן פאַרלאַנג — „ער" זאָל קומען.

ווילט זיך איר זאָגן:

— הער אוים מיין מאַן, ס׳האָט מיט מיר פּאַסירט אַן אומגליק: כ׳בין קראַנק געוואָרן, עמיצער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין מיין האַרצן און דריקט מיך דאָרטן זייער שטאַרק...

וואָלט זי געוואָלט מיט אים ריידן וועגן דעם, ווי מיט אַ חבר, וועגן אַ זאַך, וואָס ס׳האָט פּאַסירט, וועגן אַן אומגליק וואָס איז געשען, אין וועלכן זיי ביידע זיינען פאַראינטערעסירט פון דעם, וואָס שנעלער, פּטור צו ווערן.

טוט זי אַ קוק אויף אים, נעמט איר אָפּ דאָס לשון... און זי האָט מורא מיט אים צו ריידן.

האָט זי אים דען ניט ליב? געוויס האָט זי אים ליב, איר מאַן, דער ערשטער מאַן אין איר לעבן, וועמען זי האָט דערקענט.

אָבער —

וואָרום בייַנקט זי אַזוי שטאַרק נאָך יענעם, וואָרום גלוסט זי אַזוי שטאַרק ער זאָל קומען און וואָרום זעט זי זיין געשטאַלט אומעטום וואו זי קערט זיך?

וואָס וויל „ער" פון איר?

אַ פרעמדער און דאָך אַזאַ נאָענטער...

פארנאכט, ווען זי פארפארטיקט דעם סאפער, פארנומען מיטן טעפל און גרייט צו דאָס גרינס, קלאפט ער אָן אין טיר, גליטשט זיך ארײַן אזוי שטילערהייט, זעצט זיך אוועק אין א ווינקל, פארדרויכערט די ליולקע און ברומט א לידל.

און ווי שטארק זי האָט געבענקט נאָך אים, אזוי שטארק ווילט זיך איר, אז ער זאָל שוין וואָס שנעלער אוועק... ס׳פאר-שלאָגט איר דער אָטעם און זי קען זיך קיין פלאץ ניט גע-פינען.

זאָל זי אים הייסן אוועקגיין? פילט זי זיך דאָך זייער גוט מיט אים! זאָל ער דאָ זיין — איז איר אזוי מאָדנע ענג. דאָס צימער איז עפעס קלענער געוואָרן און זי פילט: אָט ווערט זי דערשטיקט, אָט ווערט זי דערוואָרגן...

וואָס וויל „ער" פון איר?

— גאָרניט! ער טוט דען עפעס?

זיצט און שווייגט, ברומט א לידל און לאָזט רויך, בלאָזט אויף דער וועלט.

געקומען דער מאַן אהיים. זיך דערפרייט מיטן גאסט. מ׳עסט צוזאמען. מ׳רעדט און ביי איר דרייט זיך די גאנצע וועלט. ביים אָפשניידן א שטיקל ברויט — א פינגער זיך פארשניטן.

„רעכטע, לינקע, וועט יע זיין א סטרייק? האָט מען גע-דארפט דעם אגרימענט? פארראטן די מאסן, פארקויפט. די פאראזיטן!"

און זי —

אויף א גרינער ווייטער לאָנקע, לויפט זי ארום אין א קורצע קליידל, נאָך גאָר א יונגע מיידל. לויפט נאָך א זינג-פויגל, און אזוי לויפנדיק איז זי פארבלאָנדזשעט געוואָרן,

אריין אין א נעדיכטן וועלדל און קען ניט געפינען דעם וועג אהיים.

אין זי געבליבן שטיין א דערציטערטע, א דערשראָקענע.

פון אלע זייטן בוימער. נאָר פון ערגעץ הערט זיך א באַקאַנטע שטימע. לאָזט זי זיך לויפן אין דער זייט — הערט זי די שטימע פון דער אַנדערער זייט. זי לאָזט זיך אין דער אַנדערער זייט — ערשט די שטימע קומט פון יענער זייט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

מ׳האָט איר קוים אָפּגעמינטערט.

# אייערע ניו-יאָרקער

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ געוועזענעם „שנאָרער“)

אייערע ניו-יאָרקער! מניע, ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי: אייערע... וואָרים ווי לאַנג בין איך אַ ל י י ן פון ניו-יאָרק? אינגאַנצן אַ יאָר צען. און נאָך עד-היום פאָר איך אַלע יאָר אַהין, אויף קבר-אבות פאָר איך. כ׳מיין: זיך זען מיט אַלטע באַקאַנטע, אַריינכאַפּן אַביסל אידיש טעאַטער, איינקויפן אַביסל ליטעראַטור און גלאַט אַזוי זיך דורכלופטערן...

וואָרים, מישטיינס געזאָגט, וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן דאָ, אינם קליינעם שטעטל? גאָרניט מיט גאָרניט. מ׳האָרעוועט, מ׳שמייעט, מ׳מאַכט טאַקע דעם טאָלער. אָבער ניים-טיקס? — קיי און שפּיי!

אַי, אַי, וואָס מיר „שנאָרערס“ האָבן אַמאָל אָפּגעטאָן! איבערגעקערט אַ וועלט, געווען חי-געלעבט! און איך בין טאַקע געווען דאָרט דער גאַנצער קנאַקער, איבערגעלעגן טאָג און נאַכט אין די קלוב-צימערן און — געפּעכנעט... הונגער היינט, הונגער מאָרגן, די יאָרן לויפן און צו קיין תכלית קומט עס נים.

נו, בין איך, ווי איר זעט מיך, געקומען אַהער, אינם קליינעם שטעטל, באַרוועס, מיט אַן אויסגעריבענעם כ׳בעט-איבער-אייער-כבוד און געוואָרן אויס „שנאָרער“, אָנגעהויבן

ארבעטן, צונויפגעקלאפּט א פּאָר טאָלער און ווי איר זעט: אַן אייגענע הייזקע, אַ פּאָרדל, אַ ווייבל מיט אַ קינד — מיט לייטן גלייך... ניט צו פאַרזינדיקן.

וואָלט דאָך אַלץ געווען גוט, איז אָבער אַן אומגליק: ס'ציט קיין ניו-יאָרק, ציט עס. „נו — זאָגט מיין ווייבל, אַ וואויל ווייבל, — פּאָר זיך דורך אַביסל.“

פּאָר איך, אַט ווי איר זעט מיך, אַלע יאָר. ניט אויף לאַנג. וואָרים, ערשטנס, קען מען דאָך די געשעפטן ניט אי-בערלאָזן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, און צווייטנס, בין איך שוין ניט צוגעוואוינט צו אייער ניו-יאָרק. דער קאָפּ דרייט זיך מיר דאָרט...

דערפאַר, זעט איר, האָב איך געסט פון אייער ניו-יאָרק גאַנץ אָפט — טאַקע פון מיינע אַמאָליקע חברים, שנאָרער. און גלויבט מיר, זיי ליגן מיר שוין טיף-טיף...

ס'איז געווען לעצטן יאָר. בין נאָר וואָס געקומען פון ניו-יאָרק, באַקום איך אַ בריוו פון אים אַליין, פון דעם שני-למלך: „אַזוי און אַזוי... ניטאָ וואָס צו פּיסקעווען... ער וואָלט געקומען צו מיר, נאָר...“ נו, בין איך דאָך, עפּעס אַ נאָענטער כאַווער, און דער טאָלער איז טאַקע דאָ אין קעשענע, שיק איך אַוועק אויף הוצאות און דער בחור קומט מיט מזל.

געקומען, אים אַריינגענומען צו זיך. אַ שמחה, אַ פריייד. פאַרבראַכט עטלעכע טעג, צערייד איך זיך מיט אים וועגן תכלית.

„שני-למלך — זאָג איך — דאָ איז ניט ניו-יאָרק, מ'קען ניט לעבן פון לופט, מען דאַרף זיך צושלאָגן צו עפּעס“...

איך רעד און דער בחור הערט, קוקט אויף מיר מיט אַ שמייכל און פּייפט בשעת מעשה אויס אַ אידיש פאָלקס-

ליד. און דער שפּיץ איז געווען: אים דערוויל אַריינגע־שטופּט אַ צענערל — ער איז דאָך אַ לעבעדיקער מענטש, דאַרף קליינגעלט אין קעשענע.

כ׳טו אַ קוק אויף מאָרגן: דער בחור איז ניטאָ! וואו איז ער? וואו זאָל ער זיין? — אין שיקאַגע. וואָס איז? גאָרניט. דער „דראַמאַטיק־קלאָב״ גיט דאָרט אַ פאָרשטעלונג, טאָ ווי קען ער איינזיצן אין קליינעם שטעטל? איז ער דאָך אויך גערעכט! וואָרים, דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך אַליין אויך חשק געהאַט אהין צו פאָרן. נאָר איך בין דאָך שוין עפּעס אַ באַווייבטער און אַ באַקינדלטער, און מ׳דאַרף אײַנ־זינען האָבן פּרנסה, דאַרף מען דאָך — קען איך אויף אים ברוגז זיין, אַ?

נו, מילא, ס׳האָט מיך שוין געקאָסט נאָך אַ צענערל, און דער בחור איז געקומען צוריק. פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג, עפּעס מיין בחור איז ניט מיט אַלעמען. וואָס איז? „גאָרניט. ס׳בענקט זיך אים צוריק קיין ניו־יאָרק — ווען ס׳זאָל נאָר זיין אויף הוצאות...“ און איך זע, אַז דער בחור צאַנקט... הכלל, איך בין דאָך עפּעס אַ כאַווער, האָט עס מיך געקאָסט נאָך אַ דרייסיקער און — פּטור...

איז ניט שייך די פּאָר גראָשן, אָבער איך הער מער ניט פון אים. ער שרייבט ניט — ווי אין דער ערד אריין. איז מען דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, פאַרדריסט דאָס: סטייטש, אַזוי און אַזוי... דיך געבראַכט אהער, געבראַכט אהין, גוט באַ־האַנדלט, און ער — ניט קיין וואָרט!

אָבער, ווי זאָגט איר: פאָרט אַן אייגענער כאַווער, צו־זאַמען אַמאָל אויסגעקערט די זעלבע קלוב־צימערן, אינאיי־נעם געהונגערט. נו, האָב איך דאָס שנעל פאַרגעסן. דערפאַר,

זעט איר, האָב איך דאָס יאָר געכאַפּט אַ פּסק פון אַ ווילד-פרעמדן אידן, אַ ניו-יאָרקער, נאַטירלעך, — קען איך דאָס ניט פאַרגעסן... כ׳קען מיר אליין דאָס ניט מוחל זיין...

איר מעגט עס אויסהערן, מעגט איר:

קומענדיק קיין ניו-יאָרק, בין איך, ווי דער שטייגער איז, אַוועק אין די קלוב-צימערן, זיך נאָכגעפרעגט אויפן שני-למלך — אַ נעכטיקער טאָג, אויסגעקילט דאָס פּלאַץ. נו, אַ שיינע, ריינע כפרה!... דערווייל זעט מען אַלטע באַקאַנטע, מ׳באַקענט זיך מיט נייע. ערשט איינער שטופּט מיר אַריין אַ האַנט:

— שלום עליכם!

— עליכם שלום!

— ווער איז אַ איד?

— אַ אידישער שרייבער, אַ איבערזעצער.

געזאָגט מיר דעם נאָמען. גראָד ניט געהערט. עפּעס ניט באַקענט. נאָר עס וואונדערט מיך אפילו ניט. לעצטנס זיינען ביי אייך, אין ניו-יאָרק, דאָ אַזויפיל אידישע שרייבער, אַז ווער קען זיי געדיינקען? האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען אַן אָוונט, זיך צערעדט, געביטן מיט די אַדרעסן און איך בין מיר אַוועקגעפאָרן.

און, ווי דער שטייגער איז, גלייך פאַרגעסן אין אַלע-מען: אָן די קלוב-צימערן, אָן ניו-יאָרקער טומל און רעש און זיך גענומען צו דער אַרבעט. כ׳בין דאָך ניט קיין ליי-דיק-גייער, ניט קיין ניו-יאָרקער...

אָבער דער שרייבער — דער איבערזעצער — האָט מיך, ווייזט אויס, ניט פאַרגעסן, און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום קומט מיר אָן פון אים אַ בריוו: „אַזוי און אַזוי — ניטאָ קיין

פרנסה אין ניו-יאָרק, וואָלט דאָ נאָר געווען וואָס צו טאָן, וואָלט ער גלייך געקומען"...

בין איך דאָך עפּעס אַן אַמאָליקער שנאָרער, לויף איך ארויס אין גאַס, זע זיך מיט אַ פּאָר פריינט און קריג אים אַ שטעלע אין אַ פאָלק-שול.

קלאַפּ איך אים אַ טעלעגראַם, קלאַפּ איך: „אַזוי און אַזוי... קומט גלייך."

ענטפערט ער מיר צוריק און אויך דורך אַ טעלעגראַם: „אַזוי און אַזוי... זייער צופרידן, ז'גרייט צו פאָרן... אָבער..."

בין איך דאָך עפּעס אַ כאַווער, אַ געוועזענער שנאָרער, פארגעס איך די גאַנצע מעשה מיטן שני-למלך און שיק גלייך ארויס אַ דרייסיקער און טאַקע טעלעגראַפיש...

אַלזאָ, איך וועל אייך קיין סך ניט האַלטן, כ'זע, אַז איר איילט זיך. ס'איז שוין אַ געשיכטע פון אַ שיינע פּאָר מאָ-נאַטן, און איך וואַרט נאָך אַלץ אויף אים... אַזוי ווי אין וואַסער אַריין... באַקומען די פּאָר טאָלער און ער ווייזט זיך ניט...

וואָס איירע ניו-יאָרקער קענען.

נאָר צוריק ריידנדיק: אפשר גלייבער אַזוי, וואָס ער איז ניט געקומען — פאַרשפּאָרט מיר הוצאות אויף צוריק...

# ליטעראַרישע געסט

ס׳איז געווען א כמורנער פאַרנאַכט.

א דריבנע רעגנדל האָט נאָך מער פאַרטונקלט דעם פאַר-וואָלקענטן שיקאַגער הימל. א ווינטל האָט זיך פאַרוואָלט א שפּיל טאָן מיטן רעגנדל און ס׳האָט נאָך מער פאַרביטערט, דעם אַזוי אויך גערדיקטן געמיט.

שוין געווען ביים צווייטן סוף און ביים אָנפאַנג פון דריטן יאָר פונם קריזיס און קיין דערלייכטערונג האָט זיך ניט ארויסגעזען.

און דאָ דרייט זיך ארום א איד און באַדערט א וועלט מיט קויפן אידישע ביכער.

איך — דער ביכער פאַרקויפער — האָב זיך אריינגעלאָזן אין א שניידער סטאָרקע פון אָ אידן מיטן נאָמען לעווין, וועל-כער, ווי מ׳האָט מיר איבערגעגעבן, איז א ליבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור, זינדיקט אַליין אַמאָל אונטער מיט גראַמען און אים, בין איך געווען זיכער, וועל איך עפּעס פאַר-קויפן און בכלל זיך דורכריידן וועגן מיין ארבעט, און אפשר טאַקע, וועגן אָן אָוונט...

געטראָפן האָב איך א באַרג מיט אָנגעוואָרפענע קליידער צום פּרעסן און צום פאַרריכטן, אָבער ניט קיין לעבעדיקן מענטשן.

„מיינע גליקן, האָב איך מיר א טראכט געטאָן — מ׳וואָלט זיך געקענט דאָ אביסל אָפּרוען, זעט מען ניט קיין נפש און ווער ווייסט וואוהין כ׳בין אריינגעפאלן.“

מיד בין איך געווען: א גאנצן טאָג זיך ארומגעשלעפּט איבער די גאסן, זוכנדיק אידן, וועלכע ווילן קויפן א אידיש ביכל. די מערסטע מענטשן האָב איך ניט געטראָפן און די וועלכע כ׳האָב יאָ געטראָפן — האָבן מיר געגעבן פארשייי־דענע תירוצים.

כ׳האָב געפּרואווט אביסל זיך אויסהוסטן, איינמאָל און צוויי מאָל, און אז קיינער האָט זיך נאָך אלץ ניט באוויזן — באשלאָסן צו וואנדערן ווייטער און זיך געלאָזן צו דער טיר.

— איז וואס זשע איילט איר זיך, וואָס? — האָט זיך דערהערט א קוויטשיק קולכל און פון א זייטיקער טיר, וועלכע כ׳האָב פריער גאָרניט באמערקט, האָט זיך ארויסגערוקט א קליין ווייבעלע, א רויטס, נידעריק און שמאָל, אָבער א לע־בעדיקס, א רירערוודיקס, א ברען, מיט צוויי שפּיצעכדיקע אייגעלעך און מיט א מיילעכל — א שנעל־צונג...

— מזל טוב! א פרישער גאסט... און אויך מיט ביכ־לעך!... נו, זעצט זיך אוועק, רוט זיך אָפּ. איר׳ט גאָרניט אָנ־ווערן. מ׳קוקט ארויס אויף אייך... איר האָט גאָרניט וואָס צו פארלירן...

איך בין גראדע ניט געווען אויפגעלייגט פאר אירע דרשות... כ׳האָב באלד דערזען, אז די ווייבעלע וועט מיר אוועקלייגן דעם ריכטיקן „מענה־לשון“... אָבער אינדרויסן האָט גערעגנט, איך בין געווען דורכגענעצט, און דאָ אין „סטאָרקע“ איז געווען ווארעם, ליכטיק און דאָס קליינע ווייי־בעלע — א שאָד וואָס זי רעדט אסך... האָב איך אוועקגע־

ליינט מיין פעקל, זיך אוועקגעזעצט און געפרעגט פאר מר. לעווין.

— איר פרעגט פאר מיין מאן, פרעגט איר? — האט זי געענטפערט אויף שנעל — ווער ווייסט וואו ער איז! כ'זע אים דען אָן אין מיינע אויגן? ער איז שטענדיק פארנומען. מיט וואָס? ניט מיט שניידעריי... דאָס הייסט: ער איז טאקע א גוטער באַלמעלאָכע, האט גאָלדענע פינגער, געקענט מאכן א פיין לעבן, איז אָבער דער אומגליק: ער שרייבט צוביסלעך און צו די צרות — לידלעך, א פּאָעט, הייסט עס... קיין פּראָזע שטייט אים ניט אָן. הגם וואָס וואָלט מיר ארויסגעקומען ווען ער שרייבט פּראָזע? שוין גאָר אסך... אלע שרייבן דאָ לידלעך: מיר האָבן דאָ א לערער שרייבט ער לידלעך, א רעסטאָראנט-קיפּער שרייבט ער לידלעך, א מילכמאן שרייבט ער לידלעך, און א ל ע האָבן זיי פארלאָזן זייערע ווייבער... טענה איך צו מיינעם: „יאנקל, שרייב בעסער פּראָזע, וועסט זיך מער אָנזען און דו וועסט ניט זיין אזוי משוגע, צעדרייט"... ווייל בסך הכל פארמאָגן מיר אין ש. א פּאָר צענדליק פּאָעטן און פּראָזע-שרייבער אינגאנצן א פּאָר... איז איינער מאכט א לעבן אין א צייטונג, דער צווייטער איז א דראָגיסט,ביידע סטאַטעטשנע יונגעלייט, פירן א פיין פאמיליע-לעבן און זעען זיך טאקע אָן...

טענה איך צו אים און ער טוט זיך זיינס: שרייבט לידלעך, גייט ארום א צעדרייטער און ווערט פארפאלן גאנצענע טעג.. איז ווי זשע קען מען מאכן א לעבן, אינזינען האָבן ווייב און קינד, אז אין קאָפּ קריכן גראמען. נו, פרעג איך אייך, וואָס זאָגט איר, וואָס?

כ'האָב עפּעס געוואָלט ענטפערן פאר יוצא זיין, אָבער

מרס. לעווין איז געווען פלינקער פון מיר און האָט פאַרגע־זעצט:

— איז דאָס נאָך א האלבע צרה... דער גרעסטער אומגליק איז מיט די ליטעראַרישע געסט... מ׳איז דאָך עפּעס א נאָענ־טער מענטש, אליין א שטיקל שרייבער און צו דערצו אַן אָפּע־נע טיר, איז ווי אַן אָנשיקעניש קומט עס צו אונדז... יעדער וואָך אַן אַנדערער, און יעדער איינער האָט טענות, צו דער וועלט, צו גאָט, און צו וועמען ניט...

דער האָט אַמאָל געדרוקט א לידל אין א לאָקאַלער ציי־טונג, יענער האָט איבערזעצט רש״ין; איינער האָט זיך גע־דרוקט אין אוקריייניש און וויל יעצט ארויסגעבן א ביכל לי־דער, איז פאָרט ער אַרום נאָך אַבאָנענטן; דער אַנדערער איז נאָר א יחסן: קומט ניט לאַנג פון יוראָפּ, טראָגט א פּוטערנעם טולעפּל און בלאָזט זיך... און אלע האָבן דאָס ביכלעך צום פאַרקויפן און אלע ווילן דאָס „אָוונטן“ און אלעמען דאַרף מען דאָס צופרידנשטעלן און פון אלעמען דאַרף מען דאָס אויס־האלטן...

שטאַרקער פון אייזן דאַרף מען זיין...

איך מעגט עס הערן, וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט דעם אידן טאַקע, וואָס קומט ניט לאַנג פון יוראָפּ, טראָגט א פּוטערנעם טולעפּל און בלאָזט זיך...

ס׳קומט צו דעם אָוונט, וואָס מיר האָבן פאַר אים אַראַנ־זשירט, שוין געווען גאַנץ שפּעטלעך און קיין עולם זעט מען ניט... בכלל האָבן די שיקאַגער אידן ליב צו קומען „נאָכן“: נאָך יענעם איז עפּעס שענער, בכבודיקער... דו וואַרט פאַר מיר... זיצן זיי אלע אינדערהיים און מ׳וואַרט ביזקל ביי דעם

צווייטן וועט פלאצן דאָס געדולד און יענער וועט קומען צו דער אונטערנעמונג, וועט ער שוין אויך קומען...

קוים מיט צרות צונויפגעקלאפּט א מנין מיט א האלבן, די קאָמיטע שוין אריינגערעכנט... מ׳וויל שוין אָנפאנגען, ערשט דער בעל־דבר אליין איז נאָך ניטאָ... וואו איז ער? וואו זאָל ער זיין? אינדרויסן איז ער! וויל ניט אריינקומען ביז ס׳וועט זיין כאָטש א הונדערט מענטשן אין זאָל...

ער וואָלט געקענט לאנגווארטן... ווייל גרעסערע קנאַ־קערס פון אים האָבן אויך מער פון א האלבע מאה ניט געזען...

האָט זיך אָנגעהויבן א לויפעניש, א דינגעניש און ער, דער שרייבער, וועלכער קומט ניט לאנג פון יוראָפּ, טראָגט א פוטערנעם טולעפּל און בלאָזט זיך, וויל ניט אריינקומען ביז מ׳וועט אים ארויסטראָגן 25 דאָלאר פאָראויס, וועט ער אריינ־קומען...

איז וואו זשע זאָל מען אים נעמען פינף־און־צוואנצי־קערס, אז אינגאנצן איז דאָ אכצן מענטשן, שוין מיט דער קאָמיטע אריינגערעכנט, און אייגענע מענטשן האָבן פאר טי־קעטס ניט געצאָלט, איז וואו זאָל מען אים נעמען געלט?

הכלל, דערווייל איז זיך דער עולם צעקראָכן, קיין „אָוונט" איז ניט געווען, אָבער אויף הוצאות האָבן אייגענע מענטשן צונויפגעקלאָפּט און מ׳האָט אים אָפּגעשיקט קיין ניו־יאָרק...

קומט ניט אָן אין א צוויי וואָכן ארום א נייער גאסט און דער איז שוין גאָר־גאָר א יחסן: א ק ר י ט י ק ע ר... איז יעדער איינער מיינט: ער וועט וועגן אים שרייבן, ארויס־פירן אין דער וועלט ליטעראטור... האָט זיך אָנגעפאנגען א סדרה: אָ װ נ ט ן... אריבער א יאָר האָט דער איד ביי

אונז געגאסטעוועט... קוים מיט צרות פון אים פטור גע-
ווארן...

איז יעצט האבן מיר באשלאסן: נא מאר געסט... מיר
האבן אונדזערע אייגענע שרייבער, פאעטן, קריטיקער, אפילו
פילאסאפן אויך, איז מאכן מיר יעצט אוונטן נאר פאר איי-
גענע, פאר שיקאגער. נעווער מיינד, מיר האבן זיי דא פלענטי
גענוג...

כ׳וועל אייך דערציילן א סוד:

מיין אייגענער מאן גרייט יעצט צו א ביכל לידער, וועט
דאס טאקע ארויסגעבן אויפן אייגענעם רעכענונג און א נאמען
פון א „פאבלישער״ וועט מען שוין ארויפשטעלן... נישקשה,
דאס האבן מיר זיך אויסגעלערנט פון אייערע ניו-יארקער...

איר פארשטייט:

מיר זיינען יעצט פארנומען מיט אן אוונט פאר מיין איי-
גענעם מאן טאקע, לכבוד דאס ביכל וואס וועט באלד ארויס
— איז ווער דארף אייך, שלעפערס, אנשיקענישן פון ניו-
יארק?

ווייטער האב איך שוין ניט געהערט, כ׳האב געכאפט
מיין פעקל און געשפאנט ווייטער...

## שיקאגער שלאַכט-הייזער

אויפן וועג צום לאַנד פון אייביקן זונען-שיין — שיקאַגע.

שוין אַ לאַנגע צייט, ווייזט אויס, די שטאָט ניט גע-וואַשן.

די מויערן באַשמוצטע, באַשמוצטע און אַלץ איז בלאָ-טיק. אפילו דער שניי — שוואַרץ.

ס'איז געווען אַ ליכטיקער, קאַלטער, פּראָסטיקער פרי-מאָרגן. דער שניי האָט געסקריפּעט, געפינקלט. אָבער באַלד האָט זיך אָנגערוקט אַ שווערער וואָלקן, אַ וואָלקן פון שטויב און שמוץ און זיך בהרחבהדיק אויסגעשפּרייט איבערן שטאָט.

צוויי אזיינער בייטאָג — פינצטער, שווער צו אָטעמען און אַלץ פאַרכמורעט.

באַזוכט די „סטאָק-יאַרדס".

אַ פּלאַץ, וואו מענטשן האָבן זיך פאַרפּאַלקאָמט אין הרגענען.

איין סעקונדע — צוויי ווייסע שעפּעלעך הענגען מיט די קעפּלעך אַראָפּ. נאָך אַ סעקונדע — כיק, כיק — צוויי ווייסע העלדזלעך באַרויטלט געוואָרן... קיין פּיפּס ניט... און די איבעריקע שעפּעלעך, דערשראָקענע, טוליען זיך איינס

צום צווייטן. נאָך אַ סעקונדע — ווערן שוין נאָך צוויי אַרומ-געצווינגן, אַ כיק, — און פּאַרטיק.

צאַפּלען זיך נאָך די שעפּעלעך, אָבער די ראָד דרייט זיך, און מענטשעלעך שטייען אין „ליין": איינער טוט אַ שניט די פעל, דער צווייטער ציט זי אַראָפּ, דער דריטער צעשניידט דעם בויך, דער אינספּעקטאָר באַטאַפּט דעם לעבער און די שעפּעלע איז שוין אויף שטיקלעך צעשניטן, פאַרפּאַקעוועט אין פּעקלעך און פּאַרטיק צום מאַרק.

און כמעט נאָך ווארעם. דאָס לעבן נאָך ניט פאַרקילט געוואָרן.

ניט אַזוי שנעל גייט דאָס מיט די בהמות.

זיי טוט מען פריער אַ קלאַפּ אין קאָפּ.

גאַנץ פּראָסט:

שטייט רואיק אַ מענטש מיט אַ גרויסן האַמער אין האַנט. שטייט אומרואיק אַ בהמה. פּלוצלינג — טראַך!... אַ שטאַרקן קלאַפּ איבערן קאָפּ — די בהמה צעטומלט זיך. נאָך אַ קלאַפּ — די בהמה פאַלט, און מ׳ציט זי שוין, ביי די פיס, אַרויף אויף אַ ראָד, און אַט צאַפּט מען שוין אָפּ דאָס ווארימע בלוט אין אַן עמער.

די אויגן גלאַנצן און אַ פּוס ווארפט זיך קאָנוואולסיוו.

און די ראָד דרייט זיך ווייטער. און די „פעקטאָרי" אַר-בעט, מ׳שינדט די פעל געשווינדט, מ׳נעמט אַרויס די קיש-קעס. קאָפּ באַזונדער. פיס באַזונדער. אַלץ מיט אַ סדר.

און, דאַנקען גאָט, מענטשן האָבן אַרבעט, מאַכן אַ לעבן, דערציען קינדערלעך און שיקן זיך „קריסטמעס" פּרעזענטן...

* * *

אויפֿן וועג צום לאַנד פֿון אייביקן זונען־שיין — קיין קאַליפֿאָרניע.

דער צוג דערנענטערט זיך צו קאָלאָראַדאָ און פֿונדער־ווייטנס זעט זיך אַ הימל — אַ ים מיט קאָלירן, וועלכע וועקן און רופֿן אַ וואַרימקייט, אַ צאַרטקייט, אַ „נעילה־שטימונג", אַ פֿאַרגעבונג, אַ ליבשאַפֿט צו אַלץ, וואָס לעבט און עקזיסטירט.

יע, איז דאָך אָבער אין שיקאַגאָ קיין הימל ניטאָ...

# ביי די ניאַגראַ-פאָלס

ווילדע, פאַרשייטע ניאַגראַ-פאָלס און דו — בליענדע, רייצנדע יהודית!

אַנגעטראָפן איך ביידן אין אַ צייט, ווען —

פאַרשטיינערט די נשמה, געטויט זיינען די געפילן, אָפּגעשטאָרבן די לעבנסלוסט. און אַ פאַרגליווערטער, אַ פאַרפרוירענער, אָן ליבע, אָן פרייד, זיך אַרומדרייענדיק צווישן לעבעדיקע טויטע — איך באַגעגנט.

דיך — בליענדיקע, רייצנדע יהודית און איך — ווילדע פאַרשייטע ניאַגראַ-פאָלס.

ביידע צו מאָן רופנדיקע, ביידע פון שלאָף וועקנדיקע.

ס'איז נאַכט געווען.

זיינען אַלע איינוואוינער אין זייערע וואַרימע הייזער פאַרבאַהאַלטן געווען און איך בין איינזאַם, נעבן די אייביקאומרואיקע, רוישיקע, שטורמדיקע ניאַגראַ-פאָלס געשטאַנען.

זיי האָבן געשריען, געדונערט, זיך געריסן, ערגעץ וואוהין גערופן, דערמאָנט וועגן קאַמף, געטריבן צו אַרבעט... און מיטשלעפנדיק מיט זיך ווייסע, מיט טויט-ווייענדיקע שטיקער אייז, זיינען די וואַסערן געפאַלן און געפאַלן. שנעל, שנעלער. שטאַרק, שטאַרקער.

און וואָס מער וואַסער איז געפאַלן, מער איז אָנגע־קומען, מער איז צוגעקומען און ווייטער געפאַלן.

און אָנקלאַפנדיק זיך אין די פּעלזן, איז אַ היץ באַשאַפן געוואָרן. פון דער היץ האָט זיך אַ פּאַרע אינדערהויך געהויבן און דעם וועג פאַרלאָפן די אָנקומענדיקע פאַלנדע וואַסערן.

און די אַלע אין מיר איינגעשלאָפענע, שוין פון לאַנג פאַרגעסענע, געוועבטע חלומות, געפּלאַנטע פאַנטאַזיעס, ניט אויסגעזונגענע מעלאָדיעס, ניט דערענדיקטע מעשהלעך — אַלץ, אַלץ האָט אין מיר דערוואַכט... דערוואַכט מיט אַ חשק אַ לעב צו טאָן, אַ שטאַרק־שטאַרקן לעב צו טאָן.

און נאָכהער —

אַרומנעמען דאָס גאַנצע לעבן אין מײַנע אָרעמס און מיט אים אין דאָס אייביק־ניט־זײַן אַוועק...

ס׳האָט זיך געוואָלט:

מיט די קאָכעדיקע, זודיקע וואַסערן זיך באַהעפטן און אויף די פליגלען פון די קיינמאָל ניט רואיקע, מיידעלש־לע־בעדיקע כוואַליעס צו אייביקער רו קומען.

ביזטו אויף מײַן האָריזאָנט דערשינען.

דו בליענדע, רייצנדע יהודית!

ס׳איז נאַכט געווען.

זיינען אַלע אין הויז געשלאָפן. מירביידע נעבן קאַמין אויף דער ערד געזעסן. האָסטו מײַן מידן קאָפּ אויף דײַן שויס געהאַלטן, און גלעטנדיק מיך מיט דײַנע צאַרטע פינגער — מיר אַ זיסן חלום אין דער נאַכט־שטילקייט געוועבט.

האָט דער חלום מיך דערוואַרימט, מײַן נשמה דער־קוויקט, מײַן קערפּער דערהיצט, און פון לײַדנשאַפט פאַר־שיכורט, פון פרילינגס־געפילן באַגליקט, פון ליבע ענטציקט

— האַסטו מיך, דעם פאַר־דער־צייט פאַרוועלקטן, פאַר אַ פאַרליבטן געמאַכט.

טאָ פאַרלאָז מיך ניט יעצט, דו — בליענדע, רייצנדע יהודית.

נעם מיך מיט מיט זיך.

ווייל —

פאַרכישופט שיין זיינען די ווילדע, פאַרשייטע ניאַגראַ־פאָלס. די אייביק־אומרואיקע, קיינמאָל ניט שווייגנדע, שטענדיק לויפנדע, אימער פאַלנדיקע ניאַגראַ־פאָלס.

און איינגעהילט אין אַן אייביקן סוד, פאַלן די וואַסערן אייביק־לאַנג אַראָפּ. אַראָפּ אין טאָל. און אין טאָל ווערט ניט מער, און אויבן ווערט ניט ווייניקער.

און זיי רייצן, און זיי ווינקען, און זיי רופן, און זיי ציען צו זיך. צו זיך. צו די שפּרינגענדע, זמירות־זינגענדיקע, לאַכנדיקע כוואַליעס.

באַשפּריצן זיי מיך מיט טראָפּנס וואַסער, פאַלן די טראָפּנס אויף מיינע קליידער, אויף מיין געזיכט. און נאָך אַ ווײַלע וועל איך אינגאַנצן צו זיי, מיט זיי אַוועק.

טאָ לאָמיר וואָס שנעלער אַנטלויפן פון דאַנען.

טראָג מיך אַוועק פון דאַנען.

אַוועק —

פון די שוין צופיל שטורמדיקע, צופיל לעבעדיקע, צופיל ברויזנדע, ווילדע, גאָט־שיינע ניאַגראַ־פאָלס...

# קאַליפאָרניע

איבערגעלאָזן דעם ווינטער אין דעטראָיט, דעם נאַסן, שוואַרצן שניי אין שיקאַגע — דאָ געטראָפן אַ גרין־בליענדיק לאַנד.

און די גראַציעזע פּאַלמען און די גאָלדענע פּאָמעראַנצן־ביימער, פאַרשיכורן, פאַרשלעפערן און דו ווערסט פאַר־חלומט פאַר אַ לאַנגע צייט.

און, דערוואַכנדיק, דערזעסטו, —

אַז דו און קאַליפאָרניע — זיינען איינס!

און פון זיך זעלבסט איז שווער אַוועק.

שווער צו פאַרלאָזן דאָס בלומען־לאַנד, שווער צו צע־שיידן זיך מיט דעם אַרומיקן שיינקייט, ווייל —

קאַליפאָרניע, ווי פרויען, פאָדערן פון דיר דיך אינ־גאַנצן, פאַרן גליק וואָס זי האָט דיר געגעבן.

מוזטו באַצאָלן מיט דיין גאַנצער נשמה, פאַר די פאַר־געניגענס, וואס האָסט דאָ באַקומען, פאַר אַלעס, וואָס דו האָסט הנאה געהאַט.

אַ וואַרימער ווינטער, אַ קאַלטער זומער — וואָס נאָך?

און אַ מוטערלעך־וואַרימע זון שטענדיק, אימער, אומעטום, פאַר יעדן, פאַר אַלעמען.

אַ שניי־און־ווינדלאָזע לאַנד.

א לאַנד פון שטילקייט און רו.
ציטנווייז —
די וואָרימקייט, די שטילקייט, די ליכטיקייט, די רו־איקייט, די גרינקייט דערוועקן דיין איינזאַמקייט, דיין אומרואיקייט, דיין אומצופרידנקייט, דיין אומעט און טרויער.
ווילט זיך —
צוריק צום טומל, צוריק צו דעם רעש, צוריק אין די ענגע, שמוציקע, אָבער פריילעך־לעבעדיקע ניו־יאָרקער גאַסן.
אָבער —
קאַליפאָרניע לאָזט דיך ניט אָפּ.
קאַליפאָרניע לאָזט דיך ניט ארויס...

# לאָס אַנגעלעס

מאַראַנצן-בלי.
בערג ריזיקע.
פּאַלמעס שטאָלצע.
ווייט פון —
ניו-יאָרקער ענגע גאַסן, שיקאַגער וואָלקנס, פּיטסבור-
גער רויך —
לאָס אַנגעלעס!
ווערסטו פאַרשיכורט פונעם ריח פון מאַראַנצן-בלי, פאַר-
בלענדט פון די ריזיקע בערג, דערפרישט פון די כסדר-שטאָל-
צע פּאַלמעס.
זיינען געקומען מענטשן.
מידע.
זיך קליינע לופטיקע זוניקע שטיבעלעך אויסגעבויט, מיט
גרינס באַפּוצט און שפּאַצירן זיך רואיק, צופרידן.
מאַראַנצן-בלי.
בערג ריזיקע.
פּאַלמעס שטאָלצע.
פאַלן צו די נעכט — ליכטיק-ווייסע.
וועקן פאַרלאַנגען פאַרגעסענע.
לעבן אויף אייביקע אומרואיקייט.

זיינען אָבער —
די גאַסן שטיל.
פענצטער — בלינד.
טירן — פאַרמאַכט.
און די נאַכט איז ליכטיק.
און די נאַכט איז ווייס.
ווייס !...

# סאַן-פראַנציסקאָ

א שטאָט א גרויסע
דער הימל ברוגזט זיך און טאָג און נאַכט בלאָזט דאָ...
און אז ס'הויבט דאָ אָן צו שפּריצן און צו טריפן א רעגנדל, קריכט עס דיר אריין אין דער נשמה און מאַכט דיר נמאס דאָס לעבן.

„ס'איז ניט קיין רעגן, — זאָגן די „פריסקער", — ס'איז א טומאַן, פאַרשטייט איר: מיר זיינען דאָ ארומגערינגלט פון דריי זייטן מיט וואַסער"...

און אָט פון די דריי זייטן וואַסער נעמט זיך דאָס, וואָס אינמיטן זומער איז דאָ קאַלט, און ווער ס'פאַרמאָגט נאָר, טראָגט א וואַרימען מאַנטל. א שטרויענע היטל איז דאָ ניט צו טרעפן...

איין מעלה האָט יע פריסקאָ: מ'גייט שנעל, מ'באַוועגט זיך, די ווינטן לאָזן ניט איינשטיין אויף אָן אָרט; דערפאַר שפּאַצירט מען ניט, — מ'גייט! בעסער געזאָגט: מ'פליט! די ווינטן בלאָזן, קאַלט איז, לויפט מען...

אומעטיק הענגט דער ברוגזער הימל. אומעטיק שטייען די שמאָלע, הויכע, הילצערנע, פיר-שטאָקיגע אפּאַרטמענט-הייזער, פון וועלכע עס שמעקט אזא גרוים-שטאָטישע פרעמד-קייט; אומעטיק זעען אויס די פּאַרקס, וועלכע זיינען גאַנץ

שיינע, אָבער וואו דו קענסט לאַנג ניט בלייבן, ווייל עס בלאָזט...

* * *

וואָס פאר א וואונדערלאנד קאַליפאָרניע איז!

אַלץ איז דאָ: זונען־שיין, בלומען, גרינס, פּאָמעראַנצן, פּאַלמען — א גאַנץ קיילעכדיק יאָר; און ווער ס'וויל זיך אָפּקילן אין די הייסע זומער־מאָנאַטן — לויפט קיין סאַן־פראַנציסקאָ.

דאָס שטרויענע היטל מיטן פּאַלם־ביטש־סוט קענט איר לאָזן, וואו איר ווילט, אָבער א וואַרימען מאַנטל, למען השם, פאַרגעסט ניט.

די שטאָט א שיינע, א לעבעדיקע, ניט קיין פאַרשלאָפענע, ווייל ס'איז ווינטיק... די גאַסן זיינען באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, אָבער מ'ווערט ניט מיד גייענדיק, ווייל די ווינטן קילן אָפּ.

און ס'איז א מחיה א קוק צו טאָן אויף די פרישקער גאַסן צווישן צוועלף און איינס — „דינער־טאַים".

מ'לויפט עסן, אָבער ניט קיין פאַרמוטשעטע, ניט קיין בלאַסע, אָפּגעלאָזענע, ווי אין די אַנדערע שטעט. דער ווינט טוט א נעם דורך און דורך, טוט א ציטער דער קערפּער, די באַקן פלאַמען, דער אַפּעטיט צעוואַקסט זיך און מ'איילט זיך...

„פול מיט פעפּ!" — זאָגן די סאַן־פראַנציסקער און זיינען שטאָלץ מיט זייער קלימאַט.

# בלומען

מיט קללות אויף די ליפּן, פּלעגט מערי שטיין, א יונג חנעוודיק ווייבל, דאָס אייגנטום פון א פּראָווינציאַנעלן זשור-נאַליסט, א איד א קבצן, מיט דריי קליינע קינדערלעך — אויסגיסן איר ביטער האַרץ אויף די גבירים, שפּאַצירנדיק טאָג-טעגלעך אויף באָסטאָן-בולוואַרד.

איר מאַן האָט זיך געמוטשעט נעבן דער לאָקאַלער אי-דישער וועכנטלעכער צייטונג, וועלכע האָט ניט געלעבט און האָט ניט געהאַט קיין כוח צו שטאַרבן. איז אויסגעקומען גאַנץ אָפט אביסל צו הונגערן.

זייער וואוינונג איז אויך ניט געווען אַזוי גרויסאַרטיק. די צימערן האָבן אויסגעזען צו גרויס פאַר דעם ביסל מעבל, וואָס האָט זיך אין זיי געפונען און מיט פענצטער ניט קיין „געסקרינטע", האָט די הויז אויסגעזען, ווי א פליגן-ברענטש פון א „זו"-גאָרטן.

אָבער דערפאַר האָט מערי ליב בלומען, און ווי אָרעם, ווי אומריין ס׳זאָל ניט זיין אין שטוב — בלומען מוזן זיך געפינען אין יעדן צימער.

און אז ס׳איז קיין געלט ניטאָ צו קויפן בלומען, — גו גייט מערי ביינאַכט אוועק אויף „באָסטאָן-בולוואַרד"... „ברענגען זאָלן זיי, די רייכע", „אויסקריינקען זאָלן זיי זייער

פארמעגן" און אהיים פלעגט זי שוין קומען מיט א גרויסן בוקעט בלומען.

און דאס האט איר פארשאפט דעם גרעסטן פארגעניגן.

דעם גאנצן צער און צארן פאר איר לאנג-יעריקן שווער לעבן, פאר טעג ניט דערעסענע, קליידער ניט אויפגענייטע, קינדערשע שיכלעך ניט פארריכטע, הונדערטע פארלאנגען ניט דערפילטע — אין קללות אויף די גבירישע קעפ האט זי אויסגעגאסן און זיך צופרידנגעשטעלט מיט די געגאנוועטע בלומען.

האט זיך אזוי לאנג געצויגן דאס וואכעדיקע, מאנאטאנע לעבן, ביז דאס „בלעטל" האט אויסגעהויכט איר נשמה און ס'האבן זיך אויסגעלאזן אלע קוואלן פון חיונה.

אין דער צייט האט זיך אין ד. פארשפרייט א מגפה — קאליפארניע. וואו מ'איז געגאנגען, וואו מ'איז געשטאנען: קאליפארניע. מ'האט פארקויפט האק און פאק און מ'איז געלאפן אין דער צווייטער אמעריקע — קיין קאליפארניע.

און שמיין איז אויך מיטגעלאפן.

* * *

בלומען און בלומען.

בלומען נעבן הויז, בלומען אין אייגענעם גארטן, בלומען אונטערן פענצטער, בלומען ביים מיסט-קאסטן, בלומען אין א זייט-גאס, בלומען אין מיטן גאס.

— גייט קינדערלעך אין גאס און ברייננגט אביסל בלומען — זאגט מערי צו אירע קינדער, און אין עטלעכע מינוטן ארום קומט דאס קליינווארג מיט גרויסע בוקעטן בלומען.

און מערי אליין רייסט אן אין אייגענעם גארטן א פאר

טוצן רויזן, ווייסע רויזן, רויטע רויזן און אין אלע ווינקלען וואלגערן זיך בלומען.

און מערי האט געשיינט פאר גליק.

* * *

אין א פאר מאנאטן ארום, ארייַנקומענדיק צו די שטיינס, האב איך מערין געטראפן אן אומעטיקע און ס'האט זיך מיר שטארק געווארפן אין די אויגן, דאס פעלן פון בלומען.

די בלומען טעפ זיינען, פאריתומטע, געשטאנען ליי־דיקע, פוסטע, באשטויבטע.

און שפעט אין דער נאכט, ווען מיר האבן שפאצירט אי־בער די באבלומטע קאליפארניער גאסן, האב איך אין א שפאס א פרעג געטאן מערין:

— ווען מיר פילייכט אנגאנווענען אביסל בלומען?

האט מערי ביטער געשמייכלט:

— פארדאמט זאל דאס ווערן! דאס איינציקע פארגע־נינגן מיינעם, האט קאליפארניע ביי מיר אויך צוגענומען...

# שפענדלעך

(שטריכן פון לעבן פון דער אַלטער הײם)

ס׳שטײט אַן אור-אַלטער בױם, מיט זײַנע טױזנטיע-ריקע צװײַגן און שטאַמען. פּלוצלינג קומט אַ האַק, צעשטערט דאָס אַלעס און ס׳בילדט זיך עפּעס נײַס, מיט נײַע פאָר-מען, מיט נײַע שטאַמען, מיט נײַע געשטאַלטן, מיט נײַע נעמען.

אָבער פון אָט דער מעטאַמאָרפאָזע װערן שפענדלעך, װעלכע זײַנען פונעם אַלטן בױם אָפּגעשפּאָלטן געװאָרן און צום נײַעם ניט באַהעפט געװאָרן.

---

װאָס װײַטער שלמה פאָרט אָפּ פונעם שטעטל, אַלץ פרײַער און גרינגער װערט אים. ער פאָרט דאָך אין די גרויסע שטאָט — קײן אָדעס.

צװײ יאָר איז שלמה אַרומגעגאַנגען אינעם קלײנעם שטעטל מיטן געדאַנק װעגן דער גרױסער שטאָט. ביסלעכװײַז האָט ער געלערנט, ביז װאַנען ער האָט אױסגעהאַלטן עקזאַמען פאַר זעקס קלאַסן גימנאַזיע. און אַז ער האָט דערהאַלטן די „סװידעטעלסטװאָ“, איז דער תהום צװישן אים און זײַן שטאָט אַלץ טיפער געװאָרן.

זיין פאָטער, שמואל וואַסערמאַן, כאָטש א איד אַן אַפּיקורעס פון דער אַמאָליקער וועלט, האָט ער דאָך געגלויבט, אַז „ווער ס׳גיט לעבן, וועט אויך געבן צום לעבן״, און אַז ער האָט דערזען, אַז זיין זון האָט אָנגעהויבן צו לערנען מיט א „צוועק״, איז דאָס בכלל אים ניט געפעלן געוואָרן. באַ-וואָרענען זיך קען קיין מענטש ניט...

נאָר אַז דאָס קינד וויל לערנען, האָט ער אים ניט גע-שטערט: ער וועט דערנאָך אַליין חרטה האָבן! אָבער אַז ס׳האָט זיך אים פארוואָלט פאָרן קיין אדעס לערנען, האָט ער, דער פאָטער, פּראָטעסטירט. צו אַזאַ אויסגאַבע האָט ער ניט געוואָלט מסכים זיין.

שמואל וואַסערמאַן איז געוועזן א איד א נגיד, פּרנסה געהאַט ביד רחבה, נחלאות א צוויי-דריי, פאַמיליע — ניט קיין גרויסע: אינגאַנצן איין זון און איין מיידל, נאָר געלעבט האָט ער שטיל, עס זאָל ניט שולט זיין קיין עינא בישא...

דער פּראָטעסט פון זיינע עלטערן האָט אויף שלמהן א קנאַפּן איינדרוק געמאַכט. וואָרים, ווער הערט זיי, אַז אין קעשענע ליגט אַן אַטעסטאַט פון זעקס קלאַסן?... און ס׳האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי ער וועט האָבן עטלעכע „אַו-ראָקן״, ניט קיין סך, ווייל ער וועט פאַר זיך אַליין איבערלאָזן צייט צו לערנען, נאָר אויף אַזוי פיל, אַז ער זאָל קענען עק-זיסטירן אין דער גרויסער שטאָט.

פריי פליען די געדאַנקען, פאַר וועלכע ס׳איז ניטאָ קיין קייטן און צוימען און וועבן זיסע חלומות.

---

ער טרעט יעצט אריין אין א ניי לעבן.

דאָס פריערדיקע איז שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבן.

א חוץ, אפשר, צוויי אויגן פון א מיידל וואָס האָט גע־הייסן מרים.

זי איז געווען פון א ניט־ווייטן דאָרף און פלעגט, גאַנץ אָפּט, צו זיין שוועסטער צו־גאַסט קומען.

און אין די לאַנגע, קאַלטע ווינטער־נעכט, אין גרויסע פרעסט, ווען אויפן גאַס איז אַרום און אַרום שטיל, נאָר צייטנווייז הערט זיך דאָס ברומען פון דעם ברוגזדיקן ווינט, פאַרוואָס מ׳האָט פאַר אים די טיר פאַרשלאָסן און מ׳לאָזט אים אין שטוב ניט אריין — האָבן אים די אויגן אזוי וואַרים געקושט.

נאָר וואָס האָט געשטערט?

אָ, ניין! ער האָט זי ניט ליב געהאַט. זי האָט אים נאָר פאַרהיפּנאָטיזירטע. זי — א דאָרפס־מיידל, וועלכע קען ניט לעבן אָן דעם פרייען פעלד, אָן דעם געזאַנג פון פייגעלעך, אָן דעם ברייטן סטעפּ.

ער האָט דאָך פון דעם קיין באַגריף ניט.

ניט טראַכטן פון איר.

וויפיל מאָל פאָרט ער שוין מיטן באַן?

עטלעכע מאָל. און יעדעס מאָל — אַנדערש. איינמאָל האָט מען אים געפירט, ווען ער איז געווען קראַנק, אין דער גרויסער שטאָט. נאָר דאָס איז געווען לאַנג, לאַנג צוריק. ער געדיינקט דאָס שוין באַלד ניט.

איינמאָל איז ער אַנטלאָפן.

יאָ, אַנטלאָפן אין דער נאָענטסטער שטאָט ז., וואו ס׳איז דאָ א גימנאַזיע.

ער האָט דאָן נאָר וואָס אָנגעהויבן צו טראַכטן פון לער־נען און ער האָט געוואָלט זיין אין דער גרויסער שטאָט.

אָבער ער האָט געמוזט צוריק פאָרן אהיים. זיין פאָטער האָט זיך איינגעשפּארט: מ׳קען לערנען אינדערהיים און פאָרן זיך עקזאמינירן.

יונגע חלומות! אויף וויפיל זיינען שוין אייערע מצבות פארפוילט געוואָרן.

---

ס׳איז זייער קאַלט.

פיל פון די פארבייגייער זיינען אָנגעטאָן אין גרויסע פעלצן און אין ווארימע פוטערנע היטלען, נאָר שלמה אליין לויפט איבער דער לאנגער, קאַלטער גאס אין צעריסענע, דינע מלבושים. ער גייט ארום, פון איין רעדאקציע אין דער אנ־דערער, זוכן עטוואָס ארבעט. אַלע זיינע אברים זיינען ביי אים שוין פארפרוירן און ס׳ווילט זיך אים שטארק עסן.

עס דערמאָנט זיך אים די היים, דאָס קליינע שטעטעלע. ווי ווארים איז יעצט דאָרט און ווי גוט וואָלט אים יעצט דאָרט געווען. נאָר ער האָט דאָרט מער ניט געקענט פארבלייבן. ס׳האָט אים געשלעפּט אין דער גרויסער שטאָט, וואו ס׳איז פריילעך, וואו דאָס לעבן קאָכט און רוישט.

ווי גיך אָבער זיינען צעקלאַפּט געוואָרן אַלע זיינע מחשבות און חלומות. די פרעמדקייט וואָס ער באגעגענט אומעטום. די הויכע מויערן, וואָס קוקן אויף אים אזוי בייז. אַלע מענטשן האלטן אין איין לויפן. קיינער האָט קיין צייט ניט. אַלע איילן זיך ערגעץ וואָס גיכער. און ער אליין שטייט צווישן דערדאָזיקער מאסע, האָט ניט וואוהין צו גיין, האָט

ניט צו וועמען א וואָרט אויסצורײדן און פון וועמען צו הערן א גוט פרײנטלעך וואָרט.

די ערשטע צײַט, אַז ער האָט נאָך פאַרמאָגט עטוואָס געלט, איז אים נאָך ניט אַזוי שלעכט געווען; נאָר וואָס א טאָג איז געוואָרן ווינציקער אין זײַן קעשענע און קיין „אוראָקן" האָט ער ניט געפונען. ער האָט יע געקענט קריגן א פּאָר, נאָר מ׳האָט אַזוי ווייניק געוואָלט באַצאָלן, אַז ער האָט פריער, ווען ער האָט נאָך געהאַט געלט, ניט געקאָנט אײַנשטימען. יעצט וואָלט ער שוין גערעכנט פאר וויפיל ס׳איז — איז ניטאָ.

און אַרומגײענדיק אַזוי איבער די גאַסן, זײַנען אים די אויגן מיט בלוט פאַרלאָפן און ער האָט פּלוצלינג דערפילט א שטאַרקן חשק אָנצופאַלן אויף די פאַרבײַגײער, שלאָגן זײ... באַזונדערס האָט זיך אים געוואָלט שרײַען. אויסשרײַען אײַנ־גאַנצן די ביטערקייט פון זײַן לאַגע, דעם ווייטיק פון הונגער, קעלט, נויט, עלנט און אײַנזאַמקייט.

---

א קלײן, פינצטער צימער מיט א פענצטער אין באַלקן. א צעבראָכן בײַנקל מיט דרײַ פיסלעך, צוויי קערב — אײנע זײַנע און די אַנדערע דער באַלעבאָסטעס — מיט שמוציקע וועש, אויף די קערב א לאָקשן־ברעט פאַר א טיש און אַן אַלטע בעט מיט צעבראָכענע פיס, וועלכע ווי אַזוי מ׳זאָל זיך צו איר ניט צורירן — קרעכצט זי.

שלמה האָט זיך א וואָרף געטאָן אויף דעם בעטל. דאָס בעטל האָט א קרעכץ געטאָן. ער האָט אָפּגעענטפערט מיט א קרעכץ און איז געבליבן ליגן מיט אָפענע אויגן.

דאָס פינצטערניש איז געוואָרן וואָס אמאָל גרעסער: געלט אויף קעראָסין איז ניטאָ; אין צימער איז קאַלט, די באַלעבאָסטע האָט געזאָגט, אַז זי וועט ניט הייצן ביזוואַנען ער וועט איר באַצאָלן פאַרן חודש. די זשוקלעך מיט די טאַ-ראַקאַנעס שפּאַצירן אַרום איבערן צימער. דאָס רויטוואָרג האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן אויף דעם שפּאַציר, און שלמה איז געלעגן, געלעגן און האָט פון גאָרניט ניט געטראַכט.

פּלוצלינג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, זיך אַנידערגע-זעצט אויפן בעט, מיט ביידע הענט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ און אָנגעהויבן צו טראַכטן: וואָס טוט מען?

פיל, פיל מחשבות זיינען אים איבערגעלאָפן אין זיין קאָפּ, אַסך פון זיי אַזעלכע נאַרישע, קינדערשע... און ביי צוויי געדאַנקען האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

דער ערשטער:

אוועקוואַרפן די גרויסע שטאָט, פאָרן אַהיים, זיך איבער-בעטן מיט די עלטערן, טאָן וואָס דער טאַטע וויל: ווערן אַ קרעמער ווי ער, אָפּשטיין דעם גאַנצן טאָג אין קלייט, זיך אויסעסן דאָס האַרץ מיט די קונים און אויף דער נאַכט, אַז דו קומסט אַהיים, איז וואַרים, דער טיש איז שיין פאַרדעקט מיט אַ ווייס-טישטוך, ס'איז שוין צוגעגרייט אַלצדינג.

און איידער מ'מאַכט „המוציא", שטעלט די מאַמע אוועק אויפן טיש אַ גרויסע שיסל, פון וועלכע ס'זעצט אַ שטאַרקע פּאַרע. און דער סוף איז עפּעס אַזוי געשמאַק און באַטעמט. און די מאַמע רוקט אונטער אַ פעט ביינדל מיט עטלעכע פּאַסאָלקעלעך: „עס, עס מיין קינד! זיך געגנוג אָנגעפרוירן!" און נאָך דער וועטשערע קריכט דיר שוין גאָרניט אין קאָפּ: ניט קיין ביכלעך, ניט קיין צייטונגען... מ'דאַרף זיך שנעלער

ליינן שלאָפן, אויסרוען די פארפרוירענעביינער, וואָרים מאָרגן דאַרף מען ווידער שטיין אין קלייט.

און דאָס בעטל קרעכצט ניט, און ס׳בייסט ניט, און ס׳איז ניט קאַלט. די מאמע דעקט אים גוט איין מיט א וואָרים לייבל, אָדער נעמט פון זיך אראָפּ דעם שאַל: „זאָל דעם קינד ווארימער זיין!“

נאָר באַלד קומט דער אַנדערער געדאַנק:

ניין, ער קען ניט פאָרן אהיים. אזא לעבן איז ניט פאר אים. ניט דאָס מיינט ער. עפּעס זוכט ער. און נאָר דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, וועט ער דאָס געפינען. און ארבעט וועט ער אויך געפינען. און ווידער — ער קען שרייבן אהיים, בעטן דעם טאַטן, ער זאָל אים עפּעס שיקן... מילא, אז מ׳קען ניט אריבער, מוז מען ארונטער, כדי מ׳זאָל נאָכהער אריבער...

---

אין דער ארומיקער פארגליווערנדער קאַלטקייט האָבן צו אים אויסגעשטרעקט זייערע אָרעמס אייניקע מענטשן און גערופן צו ארבעט. ארבעט פאר דער מענטשהייט, פאר די אַלע, וועלכע זענען געדריקט און געפייניקט; פאר די, וועלכע הונגערן און ווערן עקספּלואַטירט.

ז י י ן הארץ האָט מיטגעפילט און דאָן — א ניי לעבן.

א לעבן פון האָפנונג, פון גוטע, זיסע חלומות. נייע חברים מיט אויסגעהונגערטע פּנימער, מיט אויסגעצויגענע נעזער און מיט אויגן, אויגן פול מיט פייער.

געטראָפן האָט מען זיך אויף פארזאמלונגען, וואוהין מ׳פלעגט זיך איינציקווייז אריינגאַנוועגען, וואו מ׳האָט מיט

האָט און מיט נעפּיל נערעדט; דאָרט זיינען אַלע נעוואָרן איינס; דערנאָך איז מען זיך צונאַנגען, ווידער פרעמד איינער צום צווייטן.

האָט מען ווען-ניט-ווען איינעם אַרעסטירט — די אי־בערגעבליבענע זיינען נאָך נענטער און פריינטלעכער געוואָרן.

שלמה האָט אַזוי ווי דערוואַכט און ס'האָט פאַר אים אָנגעהויבן צו שיינען אַ נייע זון.

אין דער צייט זיינען זיין שוועסטערס ברייוו נעוואָרן אָפטער און נעפּאָדערט הילף פאַר איר באַפרייאונג. זיין שוועסטער, קלאַרא, די בת-יחידהקע, האָט זיך געקלאָגט אויף איינזאַמקייט און פוסטקייט.

אַ מיידל ביי אַ פּראָסטן באַלעבאָס, זיצט פון קינדווייז אָן ניט אָן אַרבעט. פונם טאָג אָן, ווען זי קען שוין אַליין זיך אָנגיסן אַ גלעזל וואַרימס און אָפּשניידן אַ שטיקל ברויט, הערט זי אויף צו זיין אָן אומזיסטע עסערקע. זי וויגט צו דאָס קליינע קינד, גרייט צו דעם אינגערן ברודערל איבערביימן, מ'זאָל אים שוין וואָס גיכער פּטור ווערן אין חדר אריין; שפּעטער, אַז זי ווערט עלטער, ווערט זי שוין די גאַנצע באַ־לעבאָסטע אין הויז: די מאַמע העלפט אַרוים דעם טאַטן ביים שטעלעכל, אָדער קלייט, און די גאַנצע אַרבעט אין הויז פאַלט אויפן קינדס קאָפּ.

אָבער דאָס גבירישע קינד, קלאַרא וואַסערמאַן, האָט גע־פילט אַ פוסטקייט אין איר לעבן, און פון דער צייט, וואָס איר ברודער איז אַוועקגעפאָרן, פּלעגט קלאַרא ניט וויסן, וואוהין זיך אַהינצוטאָן. ווען שלמה איז אינדערהיים נעווען, פלעגט זי אָפט מיט אים שמועסן, פאַרברייגנען.

אָן אים איז איר געווען נאָך מער אומעטיק.

זי האָט געגלוסט צו אַ פריי-לעבן אָן נדרים; דאָס טאָר מען ניט, אהינצו קוק ניט, דאָ שטיי ניט און דאָס פּאַסט ניט.

איר יונג בלוט האָט געקאָכט, די באַקן האָבן געפלאַמט, דאָס האַרץ האָט גענאָגט און געצויגן... ס׳ווייסט אַליין ניט צו וועמען ס׳ציט, נאָר ס׳פילט זיך, אַז ווען עס דריקט זיך שטייף צו צו נאָך אַ האַרץ, וואָלט פיל לייכטער געוואָרן.

און אין די ליכטיקע, רייצנדע זומער-נעכט, ווען אַרום און אַרום שוועבט אַ זיסע שטילקייט, די לבנה פון דער הויך שמייכלט און ווינקט צו — ליגט קלאַראַ אויף איר בעטל און באַדויערט איר שיינקייט וועלכע פאַרוועלקט.

פון יענער זייט שטאָט — פון דער גויאישער — ברייננט אַ שמעקעדיק ווינטעלע אַן עכאָ צוטראָגן פון אַ געזונטן גע-לעכטער און פרייע שטיפעריי פון שקצים מיט שיקסעס. און קלאַרעס האַרץ רייסט זיך אַזוי שטאַרק און ס׳ווילט זיך איר לויפן, לויפן אין דער וועלט אַריין.

שלמה האָט פון איר בריוו פאַרשטאַנען, ווי ס׳איז איר דאָרט, אינם קליינעם שטעטל, ענג און דושנע, און ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן אַריבערברייננגען איר צו זיך, קיין אָדעס. זי וועט אָנהויבן לערנען, וועט ענדיקן גימנאַזיע און זי וועט אפשר אויך אַריין אין דער באַוועגונג.

זייער פאָטער, שמואל וואַסערמאַן, איז געוואָרן אַביסל ווייכער: ער פלעגט שוין אַלע חודש שיקן שלמהן צום לעבן. מיטן אַלגעמיינעם שטראָם איז ער אויך פאַרשלעפּט געוואָרן... און אַז קלאַראַ האָט אָנגעהויבן ריידן פון פאָרן קיין אָדעס, האָט ער נאָרניט געזאָגט, נאָר אַביסל נידעריקער אָנגעבויגן זיין קאָפּ, און וועלכן ס׳האָבן זיך פאַרמערט די זילבערנע האָר און האָט שטיל געזיפצט. נאָר די מוטער איז אין בעט

אָפּגעלעגן עטלעכע טעג און האָט זיך אויף קאָפּ-ווייטיק באַ-
קלאָגט. זי האָט געפילט אזוי ווי מ׳וואָלט ביי איר, איר
טאָכטער גערויבט.

און קלארא איז געפאָרן קיין אָדעס מיט איר חברטע
מרים, וועמענס עלטערן מ׳האָט פאַר דער צייט פונם דאָרף
ארויסגעטריבן און זיי האָבן זיך באַזעצט אינם שטעטל.

---

פּסח-צייט.

נאָכן לאַנגען ווינטער האָט אַלעס געטראַכט פון לעבן. די
ערד איז וואו-ניט-וואו באַקליידט מיט גרין-זיידענע סטענ-
געס; די בוימער גלייכן אויס זייערע פאַרשלאָפענע ביינער
און האַלב-פאַרדרעמעלט קוקן זיי ארויף. דער הימל ווערט
לויטער און די לופט איז פול מיט יונגע טרוימען.

אויך דער מענטש דערפילט זיך אביסל בעסער:

העכער דער קאָפּ, שטאַרקער און פרייער אָטעמט די
ברוסט, פעסטער ווערן די טריט.

רויט-פאַרביקע, געזונטע, פריילעכע שקצימלעך האָבן
אויפגעזוכט זייערע פייפעלעך, וועלכע זיינען ערגעץ פאַר-
וואָרפן געווען דעם גאַנצן ווינטער און לאָזן זיך גאַנץ פרי
אוועק מיט די סטאַדעס אויף די פעלדער. זיי וועלן פאַר-
ברענגען דעם גאַנצן טאָג אויף דער פרייער, פרישער געזונ-
טער לופט. און ווען דער האַלבער הימל פון מערב-זייט וועט,
געזעגנדיק זיך מיט דער זון, רויטלעך ווערן, וועלן זיי מאַר-
שירן צוריק אַהיים מיט געזאַנג און פריילעכקייט. אויף יעדן
טריט פילן זיי זיך היימיש.

אידישע קינדער זיינען מיט עקזאַמענס פאַרנומען.

---

פון דער שוועסטערס קומען איז שלמה געווען צופרידן, אָבער ער האָט זיך עפּעס ניט געפילט באַקוועם מיט דעם, וואָס זי איז צוזאַמען מיט מרימען. זיינע אַלטע געפילן האָבן זיך ווידער דערוועקט און ער האָט זיך מיט אַלע זיינע קרעפטן באַמיט צו באַהערשן און ניט אַרונטערפאַלן אונטער איר איינפלוס.

ערשט איצט האָט ער דערזען, אַז זי איז טאַקע ניט פאַר אים, אַז זיי זיינען ניט קיין גלייכע. זי איז טאַקע אַ שיינע, קען דערוועקן ליידנשאַפט, אָבער פאַר אַ לעבנס-חבר — פּאַסט זי ניט פאַר אים.

אויך האָט שלמה באַמערקט פון טאָג צו טאָג עפּעס אַ פרעמדקייט אין זיין שוועסטער צו אים. זיינע באַציאונגען צו איר זיינען געווען ווי צו אַ קליין שוועסטערל, אויף וועלכער ער האָט זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך צו האָבן השגחה, אָבער זי האָט אים באַלד אָפּגעהאַקט די פליגל. און וואָס אַ טאָג האָט זיך געפילט אַ גרעסערער אָפּגרונט צווישן אים און „זיי", דאָס הייסט: זיין שוועסטער און מרים.

אויך איז שלמה געוואָרן וואָס אַמאָל פאַרנומענער: פון איין זייט די עקזאַמענס און פון דער צווייטער זייט האָט מען זיך געגרייט צו אַ גרויסן טאָג, ווען מ'זאָל איינמאָל פאַר-אַלע-מאָל פאָדערן דאָס, וואָס ס'קומט דעם פאָלק; ניט בעטן, נאָר נעמען, נעמען מיט שטאַרקייט, וואָס עס געהערט צו אַלעמען.

אין די אָוונטן איז מען געווען פאַרנומען מיט מיטינגען, מאַסאָווקעס און בייטאָג איז מען געווען ערגעץ פאַרשטופּט אין אַ קעלער און געדרוקט פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע האָבן גע-וועקט דאָס פאָלק פון זיין לאַנגען, לאַנגען שלאָף.

שלמה האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבן אַזויפיל מיט דער

„ארבעט" צוליב די עקזאמענס, אָבער ס'האָט אים אזוי גע־צווינגן, אזוי געשלעפּט צו די מיטינגען אין די פּאַרוואָרפענע הייזלעך אויף דער מאַלדאוואַנקע.

מ'האט געהאַפט און די האָפנונג האט געוואַרימט די נשמות, דערקוויקט די פאַרחלשטע הערצער און מ'האָט נאָר געלעבט מיט איין געדאנק, מיטן געדאנק וועגן פרייהייט.

שווער האָט שלמה געקעמפט מיט דער נויטווענדיקייט צו זיצן איבער די טרוקענע ביכער, איבער די טויטע ווער־טער און „זוברעווען". און אינמיטן פון די עקזאמענס האט ער פארבערענט אַלע גראַמאַטיקעס מיט „צעזאַרען" און האָט פריי אָפּגעאָטעמט.

---

קלאַרא איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן דיוואַן און האָט אונטערן נאָז געחזרט:

„1658 גאָד. מלאַדשי צאַר פּיאָטער, קאָטאָראָמו אוזשע מינולאָ 16 ליעט, זשעניליסא נא יעוודאָקאָ פּיאָדאָראָוונע לאָ־פּאָכינאָי... פּיאָטער ראָדילסיאַ 30־וואָ מאַיאַ, 1672 גאָדאָ."

זי האָט פאַרמאַכט דאָס ביכל און אָנגעהויבן צו קייען די לעצטע ווערטער.

און פּלוצלינג איז דאָס ביכל אַ פלי געטאָן צו דער הרובע.

— אין דער ערד זאָל דאָס גיין. נמאָס און מיאוס גע־וואָרן.

און ליגנדיק אויסגעצויגן אויפן דיוואַן, האָט זי אויס־געשטרעקט די האַנט צום טואַלעט־טישל, האָט מיט די פינגער דערטאַפּט דעם גימנאַזיע־לערערס בילד:

„טייערער איוואן! דו ווילסט מיר א „צוויי" שטעלן?"
און דאָס בילד שטאַרק צום האַרצן צוגעדריקט.
און לאַנג-לאַנג איז זי געלעגן אין אַזאַ צושטאַנד.
ס׳האָבן זיך דערהערט טריט. זי האָט דאָס בילד באַ-האַלטן און זיך צעקושט מיט דער נאָר-וואָס אַריינגעקומענער חברטע מרים.

— זייער גוט וואָס דו ביסט געקומען, מרים! כ׳האָב טאַקע נאָר-וואָס געטראַכט פון דיר — האָט אויסגעשריגן קלאַ-ראַ און אין האַרצן האָט זי געטראַכט: „וואָלסט גראָדע גע-מעגט יעצט ניט קומען!"

מרים האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי קלאַרען צו-קאָפּנס, מיט אירע פינגער אָנגעהויבן צוצונעמען אירע האָר און געפרעגט:
— וואָס איז דען?
— איך האָב זיך דערמאָנט — האָט קלאַראַ געזאָגט, — אָ, ווי קאָמיש דאָס איז! אַנעטאַ האָט זיך נעכטן אין קלוב באַרימט, אַז איוואַן פּעטראָוויטש שטאַרבט נאָך איר... אַזוי האָט ער זי ליב, כאַ-כאַ-כאַ...
מרים איז געוואָרן ערנסט:
— וואָס-זשע לאַכסטו אַזוי, קלאַראַ? אויף וועמען קוקט דען ניט איוואַן פּעטראָוויטש? נו, און אויף מיר?
קלאַראַ האָט אויסגעשאָסן מיט נאָך אַ גרעסערן גע-לעכטער און זיך היסטעריש אָנגעהויבן צו וואַרפן.
מרים האָט זיך געפונען באַליידיקט:
— פון דעם ווילן מיר שפּעטער ריידן. נו, און וואָס איז מיט דער היסטאָריע?
קלאַראַ איז מיטאַמאָל אומעדיק געוואָרן:
— אָ, די היסטאָריע! זי איז מיר שוין אַזוי דערעסן.

ניין בילעטן קען איך שוין. פרעג מיך אויס די כראָנאָלאָגיע.
און פראַגעס, איינע נאָך די אַנדערע, האָבן אָנגעפאַנגען צו פאַלן:

— אין וועלכן יאָר איז וולאַדימיר מאָנאַך געווען?

— ווען איז ניקאָן געבוירן געוואָרן?

— ווען איז רומיאַנצאָוו געשטאָרבן? און אַזוי ווייטער.

און קלאַרא האָט אַביסל יע געטראָפן און אַביסל ניט, און ביידע האָבן אָנגעהויבן צו געניצן.

אָבער באַלד האָט מען פאַרפירט אַ געשפרעך וועגן מאָדעס און מ׳איז פרישער און לעבעדיקער געוואָרן.

---

ס׳איז שוין געווען נאָכן לעצטן עקזאַמען.

קלאַרא האָט געפרעסט אַ ווייסן שירץ און געטראַכט:

אין וועלכער „פריטשאָסטקע" מאָרגן גיין אויפן „אַקט".

אַנטקעגן קלאַרען איז געזעסן מרים, האָט אַריינגעסע-לעט אַ שנירל אין קאָרסעט און אַלע מאָל אים אָנגעמאָסטן, ניט קענענדיק אים צופּאַסן צו איר טאַליע.

און איבערגערעדט האָבן זיי:

— דאַנקען גאָט, וואָס מ׳פאַטערט די בלויע „פאָרמעס" און יעצט וועט מען זיך אויפנייען פיל, פיל קליידלעך און שאַנטעקליערן און בלוזקעס מיט גרויסע דעקאָלטייען און הוטן וועט מען זיך קויפן גרויסע, גרויסע מיט לאַנגע פעדערן... אינגיכן וועט מען חתונה האָבן פאַר רייכע מענער, וועלן וואוינען אין גרויסע מויערן. אין קאַבינעט וועט שטיין אַ סאַמעטענע קושעטקע, וואו זיי וועלן, אין זיידענע כאַלאַטן מיט קורצע ארבל, ליגן גאַנצענע טעג און —

מ׳האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. מרים האָט דעם פּאָרסעט באַהאַלטן. שלמה איז אַריינגעקומען.

— אָ, סאַלאָמאָן סאַמואילאָוויטש ! — האָט פריינטלעך אויסגערופן מרים און אויסגעשטרעקט שלמהן די האַנט.

שלמה האָט אַ דריק געטאָן איר האַנט און געזאָגט מיט אַ פּאָרוואורף :

— שוין נאָכאַמאָל : סאַלאָמאָן... כ׳וויים ניט, מיט וואָס דאָס איז שענער פון שלמה...

קלאַרא האָט מיטן נאָז אַ דריי געטאָן:

— ער הויבט שוין אָן מיט זיינע זאַכן !

דאַן האָט שלמה אַ נייס פון דער צייטונג אָנגעהויבן צו דערציילן :

— אויף דער נעכטיקער פאַרזאַמלונג פון די „סאָיוז-ניקעס״ האָט איוואַן פּעטראָוויטש — זיי וויסן דאָך געווים ווער ער איז — פאַרגעלייגט, מ׳זאָל דעם אידישן האַנדל באָי-קאָטירן...

ביידע מיידלעך איז וועגן דעם לערער ניט אָנגענעם געוועזן צו ריידן און זיי האָבן זיך שלעכט געפילט.

אָבער שלמה האָט ווייטער פאַרגעזעצט :

— אַזוי, אַזוי... מיט אַ כוליגאַן זיך באַפריינדעט... מ׳רעדט אין שטאָט וועגן אַ פּאָגראָם — צי ווייסט איר ניט : וועגן און וואָס ? האָט ער אייך ניט דערציילט וועגן דעם ?

מרים איז צום פענצטער צוגעגאַנגען און אינדרויסן אַרויסגעקוקט. קלאַרא האָט זיך גענומען פאַרבעטן דאָס בעט און שלמה האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער. באַלד איז ער ווי מיד געוואָרן און זיך אויפן דיוואַן, פאַרטראַכטערהייט, אויסגעצויגן.

פון קיינעם ניט באמערקט, איז מרים אויסגעוואקסן נעבן אים און האָט זיך גענומען שפּילן מיט זיינע פינגער. שלמה האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט זיך פאַרשפּרייטן איבער זיין גאַנצן לייב און ער האָט זיך דערפילט שוואַך. אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט, זיך מיטאַמאָל פונם גלעגער אויפגעהויבן און דאָס צימער פאַרלאָזט.

קלאַרא האָט אים צוריק גערופן. ערשט יעצט האָט זי זיך דערמאָנט: זי דאַרף אים עפּעס האָבן. אַ בריוו איז פונדער-היים אָנגעקומען, מ׳פרעגט:

„פאַרוואָס שלמה שרייבט ניט פון זיינע עקזאַמענס. מ׳קלאָגט זיך — אַנדערע צייטן איצט געוואָרן. אַ ברודער מיט אַ שוועסטער אינטערעסירן זיך ניט. מ׳קריגט זיך שטענ-דיק. און, דאַכט זיך, אַז אין אַ פרעמדער שטאָט וואָלטן זיי ביידע צוזאַמען וואוינען געמעגט"...

נאָר שלמה האָט זיך ניט אומגעקערט און ביידע מיידלעך האָבן זיך זייערס ווייטער געשמועסט.

---

און דער לאַנג-דערוואַרטעטער טאָג איז געקומען.

די יאָרן-פאַרבאַהאַלטענע אונטערערדישע אַרבעט האָט אויפן גאַס שוין אַרויסגעשפּאַרט.

מ׳איז אַלע איינס געוואָרן.

און מ׳האָט פרייהייט געפאָדערט.

האָט אָבער די שוואַרצע צאַרן-רעגירונג, אַנהאַלטנדיק זיך מיט אירע לעצטע כוחות אין איר מאַכט — אָנגערייצט איין פאָלק אויפן צווייטן און אַראָנזשירט אַ בלוט-באַד אויף די שוואַכערע — די אידן.

די „סאמאבאראנע" האט געארבעט, וויפיל זי האט נאר געקענט. אבער צו ווייניק זיינען זיי געווען. ווארים אלע זיינען שוין אין די קעלערס געלעגן און אייניקע פון זיי האבן, פּי-לייכט, געשעפּטשעט: „גאטעניו, אויב ס'איז יא פון דיר ארויס א צארן, טא טו א נס און מ'זאל אן אנדערן הארגענען, ניט מיך דיין קנעכט"...

ווען דער פּאגראם האט נאר וואס אויסגעבראכן, האט זיך שלמה געלאזט לויפן צו זיין שוועסטער. אבער דערמא-נענדיק זיך, אז זי וואוינט אין א קריסטלעכער געגנט, וואו זי איז מער באשיצט און אויך וויסנדיק, אז אינם אידישן קווארטאל איז זיין הילף נויטיקער — איז ער אהין אוועק און צוזאמען מיט געציילטע אידישע יונגעלייט געקעמפט מיט דעם צעבושעוועטן „מאב". די הענט האבן זיך אבער גיך אראפּגעלאזט און ס'האבן ניט געקלעקט קיין קרעפטן.

פּארנאכט איז שטילער געווארן. סאלדאטן האבן זיך, איבערן גאס ארומגעדרייט און „אָרדענונג" געשאפן... שלמה איז צו זיין שוועסטער אוועק, אבער ער האט דארט געטראפן נאר מרימען און א שרעקלעכע בשורה, אז זיין שוועסטער איז צו „אים", צום לערער, אוועק.

---

א שטיק צייט איז שלמה געלעגן אין א שרעקלעכן קאש-מאר. אט האט זיך אים געדאכט, אז זיינע עלטערן שטייען צוגעבונדן צו א בוים און א באקאנטע פיגור, מיט א שפּאַ-טישן געלעכטער, שפּייט זיי גלייך אין פּנים אריין. יא, ער וואלט געמעגט שווערן, אז דאס איז זיין שוועסטער... און אט דאכט זיך אים, אז א גרויסער, שווארצער בייזער הונט, מיט

בלוט-פולע אויגן, לויפט נאָך נאָך זיין פּאָטער און מוטער מיט אַן אָפן מויל און וויל זיי איינשלינגען, און זיין שוועס-טער פּאָרט אויפן הונט רייטנדיק, מיט א קוועלנדיק, פריי-לעך פּנימל און, גלעטנדיק דעם הונט, שפּילט זי זיך מיט זיינע קאָטשעראַווע האָר...

ערשט אויפן צווייטן טאָג, ביי זון-אונטערגאַנג, האָט ער זיך פונם בעט אויפגעהויבן און איז אינדרויסן ארויס.

אין גאַס איז פרילינג, לוסטיק און פריילעך געווען. אין פאַרשיידענע גאַסן האָבן זיך, איינס נאָכן צווייטן, די פאַ-נאַרן אָנגעצונדן און זייערע שטראַלן האָבן שטיפעריש גע-טאַנצט. שלמה האָט זיך צענויפגעמישט אין דער שפּאַצירנ-דער מאַסע, צווישן פאַרפּוצטע און יום-טובדיק-געשטימטע פּאָרלעך, אָבער זיין געמיט האָט זיך ניט געביטן און ער איז געגאַנגען, געגאַנגען ניט וויסנדיק וואוהין און צוליב וואָס...

---

זיך פאַרקוקנדיק אויף די קאָלירטע פענצטערלעך און אויפן באַלויכטענעם שפּיץ פון דער „בראָדער-שול“, איז שלמה אהין אריינגעגאַנגען.

עס איז געווען שבועות. פונם אָרגל האָט זיך געהערט, אָפּקלינגענדיק פון ערגעץ וייט-ווייט, א זיס דין קול. וואָס אמאָל איז דאָס קול נענטער און העכער, העכער און נענטער געוואָרן. און פּלוצלינג האָט א ים-כוואַליע פון פריילעכע, דאָך מיט זיפצן אויסגעמישטע, קולות, זיך אזוי ווי דורכגע-דרייט אין דער לופט און דער כאָר האָט א זינג געטאָן „מזמור לדוד.“

שלמה האָט זיך דערמאָנט אין דעם היימישן שבועות.

די שול איז מיט גרינס באַפּוצט. אין אַלע זייטן הייגנען גרינע מגן-דודס. דער „ליובעסטאָק“ שמעקט. די פּנימער פון די באַלעבאַטעס שיינען; די זיידענע קאַפּאָטעס שמייכלען מיט זייערע רייכע לאַטעס. די גאַרטלען טאַנצן, אונטער-שפּרינגענדיק מיט זייערע עקן; די נאַסע פּיאות פּלעשלען זיך בהרחבההדיק. אַלע פילן זיך היימיש. אַלע קענען מיט-דאַווענען. יעדער קען אויסדריקן זיינע צרות, אויסגיסן זיין פול האַרץ, אויף וועלכן קול ער וויל נאָר.

צעשרייט זיך איינער מיט אַ טאַלנער ניגון: „קול ה׳ חוצב להבות אש“ און פון דער אַנדערער זייט כאַפּט אונטער אַ בעיאָנער חסיד דעם „להבות אש“ מיט אַזאַ פייער, מיט אַזאַ שאָקלען זיך... און גאָר אין אַ ווינקעלע שטייט אַ סקווערער חסיד און מיט אַ שטילן בנעימותדיקן טאָן זיפּצט ער שטיל צו מיט אַ ברוגזדיקער מינע: „ה׳ יברך את עמו בשלום“ און זיך צוהאַלטנדיק די שפּיץ באָרד, שאָקלט ער זיך צו מזרח-צפון צו. ביים עמוד שוויצט און וואַרפט זיך, אויף אַלע זייטן, אַ קליין אידל, דער שליח צבור, אין אַ פאַרשמאַלצענער יאַרמולקע און אין אַ צעריסענעם טלית, מיט אַ סימן פון אַן אַמאָליקער „עטרה“, מאַכט פאַרשיידענע העוויות און גאָרגלט זיך אויף וואָס די וועלט שטייט.

פונם שול האָט זיך שלמה געלאָזט גלייך אַראָפּ מיט „זשוקאָווסקי“, צו לאַנדזשעראָן צו. עס איז אַ שיינע, ליבטיקע און וואַרימע נאַכט געווען. אויף די סקאַלעס, וועלכע זיינען צעוואָרפן דאָ און דאָרט אויפן ברעג ים, זיינען געזעסן פּאָרלעך און זיך געקושט. דער ים האָט זיך אויף זיי פאַרקוקט און אויך אין ליבע זיך געשפּילט. אָט איז ער אוועק פונם ברעג וייט, וויים. קענסט מיינען שוין אַן עק. אויף

אייביק. און פלוצלינג טוט ער זיך א וואָרף מיט אזא ליידנ-שאפט צוריק צו זיין געליבטע, צום ברעג, און זי אומאַרע-מענדיק מיט זיינע כוואַליעס, האָט אָפּגעהילכט א דויער-האפטיקער קוש... ווייט אויפן ים זיינען געווען פאַרזייעט אין פאַרשידענע זייטן, אַרויף און אַראָפּ טאַנצנדיקע לאָדקעס און זעגל-שיפן מיט גליקלעכע, פריילעכע קאָמפּאַניעס.

שלמה האָט זיך א וואָרף געטאָן אויפן שוים פון דער מוטער-ערד און איז געבליבן ליגן.

---

אויפן אַנדערן טאָג איז צו שלמהן אין צימער מרים גע-קומען. פאַר די עטלעכע טעג איז זי בלאַסער געוואָרן און אירע אויגן רויטער. ציטערנדיק און כליפּענדיק, האָט זי זיך אין שלמהס אָרעמס אַריינגעוואָרפן און זיך צו אים געטוי-ליעט. ער האָט זי איינגעשטילט, זי געטרייסט און אירע אויגן האָבן זיך אביסל אויסגעלייטערט.

אין צימער איז געווען צו ווארים און מרים האָט זיך די „בלוזקע" צעשפּיליעט, אביסל מער ווי געוויינלעך.

אַרום און אַרום זיינען פליגן אַרומגעפלויגן. זיי זיינען פרייער פונם מענטשן. זיי מעגן אַלעס. ביי זיי איז ניטאָ קיין חופּה וקידושין. זיי דאַרפן זיך פאַר קיינעם ניט שעמען.

„מ'טאָר ניט" — האָט זיך זיי ביידע, אין די קעפּ, א געדאַנק געקלאַפּט.

אירע גאָלדענע לאָקן האָבן זיך צעוואָרפן און זיינע באַקן געגליעט. אירע יונגע בריסטן האָבן זיך העכער און העכער געהויבן. די הערצער האָבן געקלאַפּט. אויגן קעגן אויגן

האָבן געבּרענט, געוואונקען און געבּעטן, און זיי האָבן זיך ביידע פאַרגעסן.

---

נאָר די זון שיינט און וואַרימט אונדז מוטערלעך אומזיסט; נאָר די נאַכטיגאַל צעלאָזט זיך, זינגט שיינע לידער און פאָדערט דערפאַר גאָרניט; נאָר די בלומען בליען, פאַרשפּרייטן די זיסעסטע ריחות, ניט שטעלנדיק קיינעם קיינע באַדינגונגען; נאָר די נאַטור גיט אונדז פאַרגעניגן פריי, אָן קאָנטראַקטן.

נאָך ליגנדיק מיט שלמהן אין בעט, האָט מרים פאַרפירט מיט אים אַ געשפּרעך וועגן זייער צוקונפטיקן לעבן:

— ווי גליקלעך מיר זיינען, מיין טייערער — האָט זי צו אים געזאָגט, זיך וואָס מער און מער דריקנדיק זיך צו זיין צוהיצטן קערפּער — מירן אויף שטענדיק צוזאַמען זיין. דו וועסט זיין מיינער, מיינער. ווי די טייבעלעך וועלן מיר לעבן. גליקלעך, גליקלעך וועלן מיר זיין. אויף אייביק. אייביק.

---

און גליקלעך איז שלמה דאַן געווען: אַלעס פון זינען אַרויס. קיינע געדאַנקען, קיינע אידעאַלן. ער האָט זי שטייף אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס, און מיט זיינע ציין געביסן און געריסן איר צעגליטן, זייד-גלאַטן קערפּער. זי האָט געציטערט און נערוועז זיך געוואָרפן און ער האָט זיך נאָך מער צעהיצט און אינגאַנצן צו דער נאַטור זיך איבערגעגעבן.

---

אָבער דער חלום איז פאַראיבער. ער האָט זיך אויסגע־ניכטערט און ער האָט דערזען:

איצט איז ער שוין ניט קיין פרייער מענטש. ער איז „איר" עטוואָס שולדיק. פאַנגט זיך יעצט אָן אַ סדרה פון חתונה האָבן, לעבן צוזאַמען, זיין געצוואונגען אימער זיך געפינען מיט איר אין איין צימער, שלאָפן שטענדיק אין איין בעט. תמיד אָטעמען איר ריח. צוליב עטלעכע מינוטן פון נאָענטער באַציאונג דאַרף מען שוין אויף אייביק, אייביק צוזאַמען זיין און איין לעבן בויען?

ער שטעלט זיך פאָר מרימען מיט אַ צייט שפּעטער: איר פיגור וועט ווערן אומגעלומפּערט. דער אויגן־גלאַנץ וועט אויסגעלאָשן ווערן. זי וועט אַביסל צוהינקען, אַרויסשטעלנ־דיק דאָס בייכל פאָראויס. וועט זי ווערן קאַפּריזנע און וועט פאָדערן, ער זאָל פון הויז ניט אַוועקגיין, ער זאָל נעבן איר זיין, איר פריילעך מאַכן און וואָס אַ טאָג וועט אים אַלץ ווערן אומעטיקער, לאַנגווייליק. ס'וועט געבוירן ווערן אַ קינד, דער־נאָך דאָס צווייטע און ווייטער, ווייטער.

„אָבער צוליב וואָס ברייינגען לעבנס אויף דער וועלט? ווייסן מיר דען, צוליב וואָס מיר לעבן? אונדזער אייגן לעבן איז דאָך אַזוי צעפּוילט... טאָ צוליב וואָס־זשע? צוליב וואָס־זשע?"...

---

מ'האָט אים אָפּגעראַטעוועט. מ'האָט אויסגעפּאָמפּעט דאָס ביסל „נאַשאַטערנע" ספּירט און ער איז לעבן געבליבן.

פאַרוואָרפן דעם קאָפּ איז שלמה געלעגן אויסגעצויגן

אויפן בעטל, אין שטאָטישן האָספּיטאַל, פאַרמאַכט די אויגן. אַזוי ווי ער וואָלט זיך געשעמט.

צוקאָפּנס איז געזעסן זיין מוטער, וועלכע מ'האָט דורך אַ טעלעגראַם אַהער אַרויסגערופן. אַזוי ווי צעמישט איז זי געווען און אַלע ווײַלע זיך אַרומגעקוקט, דרייענדיק מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן, ניט באַגרייפנדיק וואָס דאָ האָט פּאַסירט.

„צוליב וואָס האָט ער דאָס געטאָן? — קען איר אַלץ ניט אַרויס פון קאָפּ — אַז מ'האָלט ניט אויס דעם עקזאַמען, איז וואָס?" און דיינקען, אַז ס'איז איבערן אומגליק מיט קלאַרען, איז ער, דאַכט זיך איר, ניט אַזאַ פרומער איד. זי איז אים אפילו חושד, אַז ער לייגט ניט קיין תפילין.

און ווי פון אַ קוואַל גיסט זיך אַ שטראָם טרערן פון אירע אויגן. צוויי קינדער אויף דער וועלט געבראַכט, זיי אויסגעהאָדעוועט און געוואָלט דערלעבן אין זיי נחת, מיט אַלע מענטשן גלייך. פּלוצלינג האָט זיך דעם זון פאַרגלוסט פאַרן לערנען. האָט דאָס איר נאָך ניט אַזוי געאַרט. „מענער זיינען געוואוינט אַרומצופאָרן." אָבער אַז ס'האָט זיך איר טאָכטער אויך פאַרגלוסט פאָרן, האָט דאָס איהר שוין אָנגערירט אין דער זיבעטער ריפּ. איר מוטער-האַרץ האָט אַ צו-שטאַרקן קלאַפּ געטאָן און האָט עפּעס אויף אַ ווײַלע אַזוי ווי זיך אָפּגעשטעלט.

אָט האָט זי שוין באַלד אָפּגעלעבט איר בינטל יאָרן און איז נאָך פון איר שטאָט ניט אַרויסגעפאָרן. אין ד ע ר שטאָט געבוירן געוואָרן, אין ד ע ר שטאָט חתונה געהאַט. נאָר יעצט איז ביי איר דאָס ערשטע מאָל צו פאָרן אין אַ פרעמדער שטאָט און דערצו נאָך איינע אַליין: דער מאַן איז פאַר צרות קראַנק געוואָרן. און דאָ, פּלוצלינג, אַ מיידל אָפּ-

לאָזן אין אַ פרעמדער שטאָט. ס'איז איר טאַקע געווען אַביסל לייכטער אויפן הארצן, וואָס שלמה איז אויך מיט איר. נו, זעט זי דאָך טאַקע, וואָס פון איר טאָכטער איז געוואָרן...

און איר הארץ איז אַזוי פאַרשטיינערט, אַז זי קען קיין וואָרט ניט אויסריידן. זי וואָלט געוואָלט אים אויספרעגן, אפשר קען מען נאָך העלפן, אָבער זי קען ניט ריידן און ער שווייגט. ליגט פארמאַכט די אויגן און שווייגט...

# פּ אַ ר נ אַ כ ט

איך בין נאָך ניט אַלט, דאָך —
מיר.
כ׳פּיל:
מיין פאַרנאַכט קומט.

און אַ זון-אונטערגאַנג ניט קיין קלאָרער, ניט קיין שיינער.

פרירט די נשמה, ציטערט דער קערפּער. און נאָך אביסל וואַרימקייט מוז איך זיך ווענדן צום פרימאָרגן פון מיין לעבן. און ווי אַ פּאַנאָראַמע גייט פאַר מיר פאַרביי מיין לעבנס-פרילינג.

און איך זע:

## אסתרקע —

אַ קליינע ווייסע מיידל, מיט בלאָנדע האָר און קורצע פינגער, צוזאַמען מיט איר ברודער ביי איין רבין געלערנט — טאַקע ביי זיי אין הויז האָט מען אונדז פאַר דעם אַ צימער אָפּגעגעבן.

איך — אַן עלף יעריקער ווייס-חברהניק, האָב ניט געקענט לאַנג איינזיצן אויף איין פּלאַץ, אויף איין פּוס אָפּ-געזאָגט דעם „שיעור" און שוין ערגעץ אַנדערש אַוועק. אין

„לערָאוונע“ נאָך אייז קריכן, אָדער אויפן הויף אַ „הוידעלקע“ שאַפן און זיך הוידען, הוידען...

דערווייל האָט דער רבי מיטן אַנדערן תּלמיד דעם בלאַט גמרא געענדיקט — איז ער אַרומגעלאָפן איבערן הויף, אינם אונטערשטן וואַטאָווען ליבל, מיט אַ סאַמעטענע ־יאַרמולקע אויפן קאָפּ און מיט די ברילן פּאַררוקט אויפן שטערן און מיך געזוכט.

האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט, דורך אַ פענצטער, אין די רייכע צימערן פון אסתרקעס הויז, זיך כאַפּן אַ שפּאַציר און אינאיינוועגס דאָרט אַלעם צעשעדיקן: רייסן בלעטער פון די וואַזאָנעס, פון די ווענט בילדער אַראָפּוואַרפן.

ביי דער אַרבעט פלעגט מיך אסתרקע טרעפן און מיך פאַרוואונדערט אָנקוקן. איך האָב שוין געוואָלט ווייטער לויפן, האָט זי מיך אָבער ביים האַנט אָנגעכאַפּט און ליבלעך אויף מיר געקוקט. געקוקט און געקוקט.

האָט דאָס דעם רבין אָנגעטראָגן און ער האָט מיך אוועקגעשלעפּט לערנען. דאַן האָב איך באַמערקט, ווי זי פלעגט טרויעריק ווערן.

צו אסתרקען זיינען זיך אָפּט צוזאַמענגעקומען אינגלעך און מיידלעך, גערעדט רוסיש... און אין זייער אַנוועזנהייט האָב איך זיך אָנגעהויבן צו שעמען מיט מיין קאַפּאָטקעלע און מיט מיינע לאַנגע פּיאות.

האָט נאָך ווען אַ ציצה פון איר באַהאַלטעניש זיך אַרויס־געררוקט, דאַן פלעג איך, פאַר בושה, אַ רויטער אוועק און זיך אַ שטיק צייט פאַר זיי ניט געוויזן.

אָבער אסתרקע פלעג מיך אָפּזוכן.

— דו ווייסט, איך ליב דיך — האָט זי מיר איינמאָל

געזאָגט און מיין האַנט אַ קוש געטאָן.

דער ערשטער קוש, וואָס כ׳האָב פון אַ מיידל געקראָגן.

## מאַרוסיע —

אסתרקעס אַ חברטע, אַ הויכע, אַ שלאַנקע פיגור, גע־קרייזלטע האָר, מיט אַ שיינע לאַנגלעכע נאָז, אימער אַ פאַר־פוצטע, שטענדיק אַ שמייכלדיקע מיט רייצנדע אויגן. נאָר רוסיש גערעדט און תמיד מיט אַ צענדליק קאַוואַליערן ארום־גערינגלט געווען.

צוליב איר האָב איך אָנגעהויבן פלייסיקער צו לערנען רוסיש און ווען זי פלעגט קומען צו אסתרקען, האָב איך פון איר מיינע אויגן ניט אַראָפּגענומען.

האָט זיך געטראָפן, אַז זי איז אַהין עטלעכע טעג ניט געקומען, בין איך אַ פאַרחלומטער ארומגעגאַנגען, ביזוואַנען אסתרקע האָט דאָס באַמערקט — איז זי אַוועק ברייגנען מאַרוסיען.

מיט דער צייט האָב איך זיך רוסיש אויסגעלערנט, די פּיאות אונטערגעהאַקט, שוין אַ „פּידזשאַק״ געטראָגן, אָבער נאָך אַלץ מיט מאַרוסיען די גאַס זיך ניט דערלויבט דורכצו־גיין — מיינע עלטערן וואָלטן מיך דערהרגעט.

האָב איך אין די גאַסן ארומגעבלאָנקט, פונדערווייטנס אויף איר געקוקט, צוגעזען ווי זי שפּאַצירט מיט יונגעלייט און איך האָב זיך געערגערט. און ערשט שפּעט ביינאַכט, ווען זי פלעגט אַהיים זיך אומקערן, פלעג איך איר ביים הויז אָפּ־וואַרטן און, מיט איר, מיט עטלעכע ווערטער זיך דורכוואַרפן.

און האָט זי זיך אַמאָל פאַרשפּעטיקט, אויף אַ באַל, צי אין אַ טעאַטער געווען, האָב איך קעלט און נעץ געליטן, אויף

די פיס די גאַנצע צייט געשטאַנען און צו ענדע זי מיט אַן אַנדערן, אַ גליקלעכע, אַ שיינענדיקע דערזען.

דאַן פֿלעג איך זיך שטיל אַוועקרוקן און די גאַנצע נאַכט אויף מײַן בעטל וויינען.

איינמאָל האָב איך זיך מיט מוט אָנגענומען, זי אויף אַ סוד אַוועקגערופן און קוים אויסגעשאָסן:

— אַז איך האָב זי...

און „ליבּ" ניט געקענט דערענדיקן — די טרערן האָבן דאָס וואָרט דערוואָרגן.

זי האָט מיך פֿאַרוואונדערט אָנגעקוקט, ניט פֿאַרשטאַנען פֿריער, וואָס איך וויל פֿון איר, און מיך ניט געשטערט איר האַנט אַ קוש צו טאָן.

דעם ערשטן קוש, וואָס איך האָב אַ מיידל געטאָן.

## — אַננאַ —

אַ מיטל-וואוקסיקע, געזונטע דאָרפֿס-מויד, מיט ברוינלעכע האָר, ברוינלעכע אויגן און אַ ברוינלעכן געזיכט. אירע לאַנגע האָר זײַנען צעוואָרפֿן געווען און מיט אַ רויטן באַנד אַרומגענומען. די הענט „פּאַד באָקאָם" געהאַלטן און אַ „סאַזאַטשקע" אויסגעטאַנצט.

איך האָב זיך מיט איר אויף אַ חתונה באַגעגנט, האָב איך איר טאַנצן באַוואונדערט, איר שיינקייט געליבט, איר אין די אויגן געקוקט און בין מיט איר פֿריינט געוואָרן.

זי האָט מיט איר שוועסטער געוואוינט — אַ שטילע, אָרימע פֿרוי — האָט מען מיך אַהין אײַנגעלאַדן און איך בין אַ היימישער דאָרט געוואָרן.

און בײַנאַכט, ווען אַלע אין הויז זײַנען אײַנגעשלאָפֿן,

בין איך נעבן איר געזעסן, געשפּילט זיך מיט אירע ווידענע האָר, מיין טרויעריקן קאָפּ אויף איר ברוסט אָנגעשפּאַרט און איר וועגן מיין אומגליקלעכע ליבע צו מאַרוסיען דערציילט.

און ווען איך בין אוועק קיין אדעס לערנען, האָט זי לאַנג, לאַנג געוויינט. און אין דער לעצטער מינוט, ווען מיר האָבן זיך געדראַפּט געזעגענען — — — — — — — — — —

## ראָזעטשקע —

פּאַרמאַנסטו אַ בוקעט, אין וועלכן ס׳וואַרפן זיך דורך פאַרשיידענע בלומען, אָבער פון זיי שיינט אַרויס אַ רויז, וואָס איז שענער, העכער, גרעסער און וועלכע דו וואָלסט אויף קיין אַנדער בלום ניט פאַרביטן.

אַ מאַטאָווע געזיכט מיט ציגיינערשע האָר, האָט ראָזעטשקע מיט אירע קלוגע נאַאיווע אויגן, ווי ביי אַ טייבעלע, זיך דאַן נאַרוואָס אויף דער וועלט אַרויסגעצייגט, ווען איך האָב זיך מיט איר אין אדעס באַקענט — ביז דאַן איז זי אין דעם קליינעם שטעטל, נעבן דער מוטערס פאַרטוך באַהאַלטן געווען.

און ווען איך האָב די רויז דערזען, האָב איך ערשט דאַן פאַרשטאַנען, אַז אַלעס איז פריער אַ חלום געווען. אַז קיין בלום שמעקט ניט ווי די רויז, אַז קיין ליכט שיינט ניט ווי אירע אויגן און אַז קיינער פאַרמאָגט ניט אַזאַ וואַרימע נשמה, אַזאַ פּייערדיק הארץ.

זי איז אין גימנאַזיע געגאַנגען און מיט מיר ביי איין באַלעבאָסטע געוואוינט. די ערשטע צייט האָב איך זי גאָרניט באַמערקט — ריכטיקער : זי האָט מיך ניט באַמערקט, ביז ס׳איז געווען אַ צופאַל — איך בין קראַנק געוואָרן.

ס׳איז געווען ביי די האַלביעריקע עקזאַמענס. די נערוועז זיינען געווען אָנגעשטרענגט, נעכט ניט דערשלאָפן, ניט דער-עסן, קיין ביסל לופט, קיין רו, נאָר געזעסן איבער די לאַנג-ווייליקע ביכער און „געזוברעוועט״.

דאַן בין איך קראַנק געוואָרן. ניט געפערלעך, אָבער פונם בעט ניט געקענט אַראָפּגיין. איז ראָזעטשקע די גאַנצע צייט נעבן מיר געזעסן, מיט איר גלעטן מיינע ווייטיקן געשטילט, מיט אירע ליפּן מיך איינגעשלעפערט.

פרילינג-שיין איז דאָס לעבן פון א מענטשן, וועלכער פאַרמאָגט אַזאַ רויז, פרימאָרגן-לויטער איז דאָס זיין פון דעם, וועלכער איז פון אַזאַ פרוי געליבט.

## חנהקע —

גרויסאַרטיק האָבן זיך די סלאַוויטער סאָסנעס געשאָקלט די מעריבדיקע שמונה-עשרה. שטילער איז דער וואַלד גע-וואָרן, נאָר דאָ און דאָרט האָבן איינצעלנע פאָרלעך שפּאַצירט.

פאַרטראַכט האָט זיך חנהקע אינם העמאַק געוויגט. איך בין נעבן אירע פיס געזעסן און, מיטן בליק, אירע גאָלדענע לאָקן געקושט.

זי איז דאַן נאָר וואָס פון טורמע אַרויס, וואו מ׳האָט, א לאַנגע צייט, איר נשמה געפייניקט, איר פרייהייט גערויבט — האָט זי יעצט פאַרטראַכט אויף אַלעס געקוקט און זיך די פרייהייט ניט געגלויבט.

ס׳איז דאַן געווען נאָר וואָס נאָך מיין קראַנקהייט און די דאָקטוירים פון אדעס האָבן מיך קיין סלאַוויטע זיך אָפּרוען געשיקט.

האָב איך זיך מיט חנהקען באַגעגנט. פלעגן מיר שטונדנ-

ווייז איבער די פארכישופטע, גראף סאנגושקעס פעלדער שפאצירן.

צווישן די גערדיכטע, מיידלשע, סלאוויטער וועלדער איז א שטייענדיקער טייכל פאראן. דאס טייכל רינגלט אן אינדזל ארום, אויף וועלכן א מצבה שטייט. גלויבט מען, אז דארט איז אמאל א שטאט געווען, איז זי געזונקען — א מצבה איז פארבליבן.

און אנטקעגן דעם טייכל ציט זיך עס בארג ארויף. שפיגלט זיך אלעס אין טייכל אפ. שפילן זיך מענטשן אויפן בארג, לויפן ארום און טאנצן. זעט מען זיך אין טייכל מיטן קאפ אראפ — לאכט מען און מ׳שפאסט. באמערקט מען אבער די מצבה, ווערט אומעטיק אויפן הארצן און מ׳איילט זיך, וואס שנעלער, צוריק אין שטאט פארן.

פארבראכט האב איך דארט, מיט חנהקען, א גאנצן טאג און פארנאכט-צו, ווען די איבעריקע באזוכער זיינען זיך צע-פארן, האב איך זיך מיט איר, אויפן זייט בארג, אוועקגעזעצט.

און קוקנדיק אויפן זון-אונטערגאנג, האט מיין הארץ אנגעהויבן צו בייגקען נאך די בלומען, וועלכע זיינען דארט פארוועלקט געווארן.

חנהקע האט אנגעשפארט איר מידן קאפ אויף מיינע אקסלען און איך האב אירע גאלדענע האר געאטעמט.

פלוצלינג האב איך חנהקען ארומגענומען און, צופאלנ-דיק צו אירע ליפן, א הייסן, שטארקן קוש געטאן.

זי האט אירע אויגן פארמאכט און איז אומבאוועגלעך אין מיינע ארעמס געבליבן.

האב איך זי שטארקער צו זיך צוגעדריקט און, מיט מער ליידנשאפט, זי אנגעהויבן צו קושן.

זי האָט געשוויגן.
איך האָב זי ווייטער געקושט.
ענדלעך האָט זי די אויגן ביסלעכווייז געעפנט; מיט שרעק זיך ארומגעקוקט און מיר אויפן האלדז, מיט א געוויין, ארויפגעפאלן.
איך האָב זיך פארלאָרן.
זי האָט זיך פונם אָרט אויפגעהויבן און געזאָגט:
— גייען מיר אהיים?
און מיר זיינען אוועק.
דעם גאנצן וועג האָבן מיר ביידע געשוויגן. ווען מיר זיינען צוגעקומען צו איר וואוינונג, האָט זי מיר איר האנט אויסגעשטרעקט:
— א גוטע נאכט.
— חנהקע, — האָב איך זיך ביי איר געבעטן — דער־לויבט מיר אריינגיין.
זי האָט גאָרניט געענטפערט און איך בין מיט איר אין צימער אריינגעגאנגען.
זי איז אויפן בעטל אנידערגעפאלן און, מיט א געוויין, דעם קאָפּ אין קישן אריינגערוקט.
איך האָב זיך געזעצט נעבן איר און זי געוואָלט איינ־שטילן.
— צי דיינקט איר — האָט זי מיך פּלוצלינג געפרעגט
— אז מ׳קען קושן, ניט ליב האָבנדיק?
איך בין צעמישט געוואָרן:
— ס׳איז ניט מעגלעך, חנהקע! דאָס הייסט, ס׳איז אפשר יע מעגלעך, אָבער ניט איך...
— כ׳מיין ניט אייך! — האָט זי אויסגעשריגן — כ׳מיין

אים... „ער״ האָט דאָך מיך אויך אַזוי פייערדיק געקושט, און דאָך...

זי איז פאַרשטילט געוואָרן...

— אָבער, ווער איז ער, חנהקע? — האָב איך זי פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— ער איז אויך געווען אַ שיינער, מיט אַזעלכע אומשולדיקע אויגן; און האָר שוואַרצע און ליפּן פייערדיקע. ער האָט מיך אַזוי הארציק געקושט און... דערנאָך צו דער פּאָליציי איבערגעגעבן — אַ שפּיאָן געווען.

איך האָב זיך אַלץ ווייטער און ווייטער פון איר אָפּגערוקט און מיט וואונדער אויף איר געקוקט.

— אָבער זאָל זיין, וואָס ס׳ווילט זיך. דו ביזט שיין און איך ליב דיך — האָט זי מיך, צו זיך, צוגעשלעפּט.

אויפן צווייטן טאָג, ווען כ׳בין צו איר געקומען, האָב איך דאָס צימער אַ ליידיקס געטראָפן: זי איז אָפּגעפאָרן...

## אָן אַ נאָמען —

אוועקפאָרנדיק פון אדעס אויף „קאָניקולע״, פלעגן מיר זיך צוזאַמען נעמען אַזאַ גרויסע צאָל, גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס, אַז מיר האָבן אַ גאַנצן וואַגאָן פאַרנומען.

און דער גערויש איז דאָרט געווען אַזוי גרויס, אַז אויב אַ „פרעמדער״ פלעגט צופעליק אַהין אַריינפאַלן — האָט ער זיך באַלד אָפּגעטראָגן אין אַנאַנדער וואַגאָן.

מיר האָבן מיטגענומען אַ שיין ביסל משקה — די מיידלעך האָבן פון דעם נים געוואוסט — מיט אַ פּאַק סיגאַרעטלעך, וואָס איז אונדז געווען פאַרבאָטן, אַלס שילער, און מיר האָבן געהוליעט. אַ יונג, געזונט געלעכטער האָט זיך צוזאַ-

מענגעמישט מיט די הייזערדיקע אָקאָרדן פון די מאַנדאָלינען און באַלאַליקעס. דער צוג האָט צוגעקלאַפּט און צוגעפייפט און חברה האָט געזונגען און געטאַנצט.

פאַרנאַכטלעך-צו, אויף אַ קליינער סטאַנציע, איז צו אונדז אין וואַגאָן אַריינגעקומען אַ פּאַסאַזשירקע — אַ יונגע מיידל מיט אַ געטאָקטע נאָז, בלייכע, פאַרקאַטשעטע ליפּעלעך, מיט אַ קיילעכדיק-בליענד געזיכט.

זי האָט לאַנג זיך אַ פּלאַץ געזוכט, מיט אירע אויגן אונדז אַלעמען באַקוקט און, ענדלעך, נעבן מיר זיך אַוועקגעזעצט.

דער וואַגאָן איז אויף אַ ווײַלע רואיק געוואָרן. מ׳האָט זיך דערפילט אַביסל אומהיימלעך מיטן נײַעם גאַסט. אייניקע גימנאַזיסטקעס האָבן אָנגעהויבן צו פאַרריכטן זייערע האָר.

אָבער באַלד האָט זיך אַלעס צוריק איינגעאָרדנט:

די, וועלכע האָבן אין קאָרטן געשפּילט, האָבן אַ נײַעם קאָן אָנגעהויבן און די, וואָס האָבן אין די הענט גלעזלעך גע-האַלטן, האָבן זיי פון דאָס נײַ אָנגעפילט.

איך האָב זיך צו מיין שכנה צוגעקוקט. זי איז געווען ווי אַ בליענדע בלום, מיט קליינע ליפּן, צוריק פאַרבויגענע, ווי נאָך קושן דורשטיקע.

זי האָט אַרויסגענומען אַ בוך פון איר קליינעם רייזע-זאַק און איבער אים זיך פאַרבויגן. כ׳האָב פּרובירט מיט איר אַ שמועס פאַרפירן, אָבער זי האָט זיך געמאַכט ניט וויסנ-דיק און ווייטער געלייענט.

האָב איך אויך פון מיין פּעקל אַ בוך אַרויסגענומען און אין אים אַריינגעקוקט. פון צייט צו צייט אויף איר מיינע בליקן געוואָרפן. זי איז נאָך אַלץ, אין איר בוך, פאַרטיפט געווען.

ענדלעך האָבן זיך אונדזערע בליקן באַגעגנט.
א שמייכל.
דאָס אייז איז צעבראָכן געוואָרן און מיר האָבן זיך צערעדט. זי איז פון א קליין שטעטל. פאָרט צו אירע קרובים אין א שטאָט נעבן קיעוו. א גאַנצע נאַכט דאַרף זי פאָרן און ס׳וועט איר געווים לאַנגווייליק זיין.
— פאָרט איר פון אדעס — האָט זי מיך געפרעגט — כ׳האָב זייער פיל וועגן אדעס געהערט. קענט איר מיר עטוואָס אינטערעסאַנטעס דערציילן פון דאָרט?
און איך האָב זיך צעלאָזן וועגן „שטאָטישן-טעאַטער״, אַלעקסאַנדראָווסקי פּאַרק און וועגן שיינעם שוואַרצן-ים.
און וואָס מער כ׳האָב גערעדט, אַלץ נענטער האָב איך זיך צו איר צוגערוקט און, כ׳ווייס אַליין ניט ווי אַזוי, איר האַנט אין מיינער געהאַלטן.
זי האָט זיך אַזוי פאַראינטערעסירט אין מיין ריידן, אַז זי האָט דאָס ניט באַמערקט. אָבער, פּלוצלינג, האָט זי א ציטער געטאָן און שנעל איר האַנט אַוועקגענומען.
זי האָט מיך פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און איז אויפן פּלאַטפאָרם ארויסגעגאַנגען. איך בין איר נאָכגעגאַנגען.
זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט קוקן אויפן וועג און איך בין הינטער איר געשטאַנען. דער צוג איז שנעל געלאָפן, זיך געוואָרפן פון זייט צו זייט און שווער געסאָפּעט. מיט אַמאָל האָט ער זיך א שטאַרקן טרייסל געטאָן. זי האָט איר גלייכגעוויכט פאַרלאָרן און איז געפאַלן גלייך צו מיר אין די אָרעמס.

---

ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן.

די ערד מיטן הימל האָבן זיך שוין צופיל, אין דער פינצטערניש, געסודעט און ס׳איז געשען: דער טאָג איז גע- בוירן געוואָרן. דער האָריזאָנט האָט זיך ווי פארשעמט און פארבייפאָרנדיקע זאַנגען האָבן זיך חסידיש געשאָקלט און שבע-ברכות געזונגען.

איר נאָמען האָב איך ניט געוואוסט און וויס נאָך יעצט אויך ניט.

## מערי —

און נאָך אַ נאַכט געדיינק איך:

נעבן שטעטל ב.„ וואו דער וועג צעשיידט זיך אין צוויי זייטן, איינער צום דאָרף און דער צווייטער צום אייזנבאַן — איז אַן אַלטער הונדערט-יעריקער בוים געשטאַנען.

זומער-צייט האָבן, אַ גאַנצן טאָג, די קינדערלעך פונם שטעטל אונטער אים זיך געשפּילט און צו נאַכט-צו, ווען ס׳האָט זיך אַמאָל געטראָפן, אַז אַ פּאָרל, יונגע פאַרליבטע, זיינען אונטער זיין שאָטן פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן — האָט דער בוים זיי מיט זיינע צווייגן פאַרשטעלט און זיי אַ מזל-טוב געשעפּטשעט.

אין דער „פרייהייטס-צייט" פלעגן זיך, אונטער זיין שאָטן, אָפּרוען די יונגוואַרג, דערוואַרטענדיק די אָנקומענדע אַגיטאַטאָרס און דאָרט זיך געזעגענען מיט די, וועלכע זיינען אין דאָרף מיט „ליטעראַטור" אַוועק.

ניט איינמאָל האָט מען אונטער זיינע גראָבע וואָרצלען רע- וואָלווערן באַהאַלטן. צום ערשטן מאָל האָט דער בוים אַ ציי- טער געטאָן, זיך דערשראָקן. געמיינט: ס׳זיינען גזלנים...

אָבער ווען ער האָט זיך אריינגעקוקט אין זייערע אומשול־דיקע, קינדערשע אויגן, האָט ער פארשטאנען, אז זיי זיינען דאָס ניט. אויך האָט אים א ווינטעלע צוטראָגן געבראכט די רעדעס, וועלכע ס׳פלעגן אָפגעהאלטן ווערן אינם נאָענטן בע־רעזענעם וועלדל, וועגן אלוועלטלעכע ליבע, וועגן פרידן און רו — האָט זיך דער בוים שוין מער ניט געשראָקן פאר זייער געוועך.

נעבן אים פלעגן זיך שיידן מענטשן, וועמען ס׳איז נמאָס געוואָרן דאָס שטיל, בנעימותדיק, קליינשטעטלדיק לעבן און זיך אויף דער ברייטער וועלט געלאָזט; מענטשן, וועלכע זיי־נען קיין אמעריקע געפאָרן.

און אָנגעזאפט איז דער בוים מיט טרערן. מיט טרערן פון פיין און נויט, מיט טרערן פון האָפנונג און טרייסט. ווייל דער בוים איז אויפן שיידונג-וועג געשטאנען, צווישן דער אָפשטאָרבנדיקער, רואיקער, שטילע שטעטל און די לאנגע, געהיימע וועג, וועלכע האָט זיך געצויגן ערגעץ ווייט און זיך פארדרייענדיק אָן א זייט, ווי אין הימל פארלוירן גיין...

אונטער דעם בוים בין איך, אין אן אויגוסט אָוונט, מיט א מיידל געזעסן — מערי — א יונגע בלאָנדינקע, מיט צוויי בלויע אויגן, פון וועלכע ס׳האָט ארויסגעקוקט אזוי פיל צער, אזא אומעט.

דעם גאנצן זומער האָב איך אין דעם שטעטל, אלס לע־רער, פארבראכט און יעצט האָב איך זיך געקליבן אָפצופאָרן.

בלייך איז דער הימל, שוין לאנג די זון פארגאנגען; רואיק אויפן שליאך, נאָר איין גויאישע פור האָט זיך פויל געשלעפט צום שטעטל-צו. פון ערגעץ האָט זיך, שטילערהייט,

די נאכט פאַרגאַנגען און ס׳איז פינצטער געוואָרן.

לאַנג זיינען מיר שווייגנדיק געזעסן און פּלוצלינג האָט זי זיך צעוויינט:

— פאָר ניט אוועק.

כ׳האָב איר אָנגעפאַנגען איינשטילן:

— כ׳וועל צוריק קומען, כ׳וועל דיך קיינמאָל ניט פאַר-געסן, כ׳וועל געוויס צוריק קומען.

אָבער זי האָט זיך נאָר מער צעוויינט:

— כ׳פיל — דו וועסט שוין קיינמאָל, קיינמאָל צוריק ניט קומען...

— טאָ וואָס-זשע וויינסטו? קיין זאַך איז ניט אייביק. און מיר, מענטשן, וועלכע זיינען געוואוינט דאָס גאַנצע לעבן צו באַגראָבן יעדע מינוט — די פריערדיקע, דאַרפן זיך ניט קימערן פאַר אַזעלכע זאַכן. כ׳פאָר אָפּ — נו, איז וואָס? טוט דיר דען באַנג פאַר די מינוטן, וואָס מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט? ניין! און דאָס וואָס שפּעטער וואָלט פאָרגע-קומען, ווען מיר זאָלן ווייטער צוזאַמען פאַרבלייבן, ווייסן מיר ביידע יעצט ניט וואָס ס׳וואָלט געוועזן: גוטס צי שלעכטס; ווייסן מיר ביידע יעצט ניט: צי מיר זאָלן עס יע וועלן, אָדער ניט. די הויפּט זאַך איז: היינט. די איצטיקע מינוטן אויסנוצן. נעמען דאָס, וואָס מ׳קען. ווייל אַלעס האָלט אין איין שטאַרבן, און ס׳וועלן שוין קיינמאָל, קיינמאָל די מי-נוטן צוריק קומען.

— דו ביזט גערעכט — האָט זי מיר צוגעגעבן.

---

און איינס נאָכן צווייטן גייען פארביי —
די רואיקע, זאָרגלאָזע ווינטער-אָוונטן, באגלייט מיט א שטילן ניגון, צוזינגענדיק איבער די גרויסע גמרות;
די שטורמדיקע הארץ-קלאפעניש בײַ די צופעליקע באַ-גענענישן;
די הייסע, היציקע מאָמענטן פון נאָר-וואָס איבערגע-לעבטע ליבע;
די פארכישופטע, שטילע נעכט אויפן לאנדזשעראָן, ביים ברעג פונם ברייטן שווארצן-ים;
די אויסגעלאסענע, אָבער דאָך ליבע, דעריבאסאָווסקע;
אַלעס, אַלעס איז ערגעץ-וואו פארשוואונדן.
און ס'טוט דיר באנג.
און ס'וואונדערט זיך:
וואו איז די פריערדיקע ליבעס-לוסט? וואו איז דער ווילן צו געניסן ווי אמאָל, דאָרט?
וואו נעמט מען נאָכאמאָל די איבערגעלעבטע יוגנט, וואו? ...

# מיניאַטורן

# ער וועט, ער וועט...

אין פרימאָרגן פון זיין לעבן, ווען אלעס ארום האָט אים אויסגעזען, אזוי זאָרגלאָז און פריילעך, ווען אינגאנצן זיינע געדאנקען און פארלאנגען זיינען געווען — ש פּ י ל, האָט מען אים געצוואונגען צו זיצן איבער ביכער — קליינע און גרויסע.

מיט דער גאנצער קראפט פון זיין קינדערשער איינגע-שפּארטקייט, מיט זיין יונגען, ניט געצוימטן, ווידערשטאנד— האָט ער זיך געריסן אינדרויסן ארויס, אויפן פרייען הויף, אויפן וויטן פעלד, צו די פויגלען, צו די בוימער, צו די באַ-שעפעניש אין די גראָזן.

און ארויסרייסנדיק זיך פון דער שול, פלעגט ער פאר-פאלן ווערן פאר שטונדן. און ווען טאטע-מאמע האָבן אים געמוסרט פאר ניט וועלן לערנען — אַ ווייגענדיקער, אַ כלי-פּענדיקער, האָט ער געטענהט:

— ער וועט, ער וועט... מאָרגן, איבערמאָרגן!

* * *

דערווייל איז די צייט געפלוינגן און איידער וואָס-ווען, ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאט זיך גוט ארומקוקן —

זיינע גערדאנקען און פארלאנגען פון „שפילן-זיך“, האבן זיך געוועבט ארום — לערנען-זיך.

אָבער ס׳איז דאן געוועזן זיין צייטיק-ווערן, און מיט זיין גאנצער יונגט האט ער זיך געריסן נאָך ווייבערשע-נאָענט-קייט, נאָך פרויען צערטליכקייט.

און יאָגנדיק זיך נאָך דעם, אין מאָמענטן פון ליידנ-שאפטלעכע אומרואיקייט, האט ער אינדערהויך, פאר זיינע געוואָלטע-באשערטע, געטרוימט:

— ער וועט, ער וועט... מארגן, איבערמאָרגן!

* * *

דערווייל איז די צייט געפלויגן און איידער וואָס-ווען, ער האט נאָך קיין צייט ניט געהאט זיך גוט ארומקוקן —

זיינע גערדאנקען און פארלאנגען פון „לערנען-זיך“, האבן זיך געדרייט ארום — ארבעט, ברויט און נויט.

ער האט געדארפט זוכן פרנסה, צו דערנערן זיך, זיין ווייב און א פאָר קינדערלעך.

קיין סך צייט שוין ניט געהאט אזוי פיל צו טראכטן, וואָס ווייטער און ווייטער זיך מער פארדרייט אין זיין לעבנס-פלאָנטער. שווער, שווערער איז אים דער יאָך געוואָרן און נמאס — זיין אייגן לעבן.

נאר פונדערווייטנס האט פאר אים א ליכט געשיינט, צו זיך געצווינגן און דערלייזונג צוגעזאָגט, מיט —

„לעבן פאר יענעם. אלע צוזאמען וועלן איבערקערן די וועלט. מיט ארבעטער-אייניקייט, מיט ארבעטער-קראפט, פאר-בעסערן און פארשענערן די גאנצע וועלט!“...

און א געראנגל האט זיך אין זיין נשמה אָנגעהויבן,

אַריינגוואָרפן זיך אין דער אַרבעט, ווערן טעטיק אין דער באַ-וועגונג.

אָבער דערווייל האָט ער געדאַרפט שטיין אין זיין גע-שעפטל אַ צען שעה אַ טאָג און אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער:

— ער וועט, ער וועט... מאָרגן, איבערמאָרגן!

*  *  *

דערווייל איז די צייט געפלויגן און איידער וואָס-ווען, ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט זיך גוט אַרומקוקן —

אינמיטן טאָג פון זיין לעבן, אַן ענטוישטער אין זיך, אַ ניט-צופרידענער, פול מיט פּלענער, וועגן איבעראַנדערשן זיין לעבן, וועגן איבערבויען די גאַנצע וועלט, נאָך אַלץ מיטן „ער-וועט" אויף זיינע ליפּן, האָט ער געכאַפּט אַ פאַרקילונג, זיך אָפּגעמוטשעט אַ פּאָר טעג און —

שוין מער קיין כח ניט געהאַט אינדערהויך צו טרוימען, נאָר ערגעץ-וואו, אין דער באַהאַלטעניש פון זיין געדאַנקען-נעץ, האָט געצאַנקט זיין לעצטער טרוים:

„ער וועט, ער וועט... זיך בעסערן. אַוועק אין די וואַ-רימע מקומות. בייטן זיין לעבן. זיך אַרויסרייסן פון זיין לעבנס-רינג... ער וועט און ער וועט"...

אין אַ שטאַטישן האָספּיטאַל — אינדערהיים איז פאַר אים קיין פּלאַץ ניט געווען, — האָט ער אויסגעהויכט זיין טרוימערישע נשמה און —

— ער וועט שוין ניט מער...

# העכער פון אַלע

א פייגעלע האָט פאַרטראַכט:
— צו פליען העכער פון אַלע!
האָט זי אויפגעהערט שפּייז צו זוכן; א גאַנצן טאָג אויף
איין אָרט געלעגן און זיך באַרימט:
„אַמאָל, אַמאָל, אין א טאָג א שיינעם, וועל איך צע-
שפּרייטן מיינע פליגלען און זיך אויפהויבן אַזוי הויך-הויך...
אַזש העכער פון וואָלקנס, אַזש העכער פון זון“...
מוטער פאַרדרייט זיך דער קאָפּ פון אַזאַ הויכקייט.
קלאַפּט דאָס האַרץ פאַר שרעק, אָבער פרייט זיך דאָך און
וואַרט. נאָר ברידער-שוועסטער האָבן פייגלען פיינט באַסו-
מען און געמורמלט:
„דערווייל טוט עס גאָרניט... זיי ווילן ניט האָרעווען
פאַרן פּוסט-און-פּאַסניק“.
נאָר מוטער האָפט:
„מעגלעך ד אָ ס קינד וועט העכער פון אַלע זיין.“
דערווייל איז פייגעלע געלעגן און גאָרניט געטאָן.
אַוועק א צייט.
פייגעלע שוין גרייט. זיינען אַלע זיך צוזאַמענגעקומען:
אייניקע מיט פרייד, די מערהייט — מיט קנאָה...
פייגעלע האָט אַלעמען מיט פאַראַכטונג באַבליקט, צו
מאַמען א בריהשן שמייכל געשיקט, א קלאַפּ געטאָן מיט די
פליגלען, זיך אויפגעהויבן אין דער הויך און —
אַראָפּ געפאַלן צו דער ערד!
פון צופיל ליגן — די פליגלען אינגאַנצן שוואַך געוואָרן.

# אויפן לעבנס-מאַרק

מיידל יונג, מיידל שיין, מיידל אומשולדיק געווען.
איז מיידל אויף דער וועלט אַרויס, זיך מיט לעבן באַ-
קענען און עטוואָס, אויף זיין מאַרק, איינהאַנדלען.
סחורות פאַרשידענע:
לוסט און שפּאַס, פרייד און פאַרגעניגן; קלוגשאַפט און
פאַרשטאַנד, דערפאַרייאונג און עצות.
און נאָך אַסך, אַסך אַרטיקלען.
און קונים איבערגענוג.
און מ׳צאָלט — ניט געדונגען זיך.
מיידלען איז קלוגשאַפט געפעלן געוואָרן.
— דאָס וועט דיך קאָסטן דיין יוגנט און דיין שיינ-
קייט! — האָט לעבן געזאָגט.
מיידל איר יוגנט, מיידל איר שיינקייט אַוועקגעגעבן און
קלוגשאַפט באַקומען.
אָבער מיידל ניט צופרידן געווען.
מיידל האָט דערפאַרונג געוואָלט האָבן.
— אָ, דאָס איז אַ צו טייערער אַרטיקל — האָט לעבן
געזאָגט: דו וועסט מוזן צופיל באַצאָלן.
אָבער מיידלען האָט זיך זייער שטאַרק דערפאַרונג קויפן
געוואָלט און מיידל האָט געפרעגט:

— מיט וואס קען איך דאָס קויפן?

— מיט דיין אומשולד! — האָט דער פּיאיקער גע־שעפּטשמאַן לעבן געענטפערט.

זי האָט אַ ציטער געטאָן און איז פון לעבן אוועק.

אָבער מיידל זיך באַרואיקן נים געקענט, פון טאָג צו טאָג עלטער געוואָרן און ס׳האָט זי צום לעבן געצויגן, דערפאַרונג צו קריגן.

און מיידל האָט דערפאַרונג באַקומען.

---

דערפאַרונג שוין געהאַט, אָבער נאָך אַלץ אומצופרידן מיידל געווען.

זי האָט זיך נאָך ליבע פאַרבייַנקט.

אָבער מיידל שוין נים געהאַט מיט וואָס, דעם פּרייז פון ליבע — צו באַצאָלן.

# אַ שפּיל

נאַסן טומלדיקע, מויערן שטיינערדיקע, מענטשן איילנ-
דיקע.
איך.
זי.
זיך באַגעגנט.
איך — אַ פּייערל. אַ וואונטש. אַ פאַרלאַנג. אַ פּייער.
זי — שמייכלדיקע ליפּן, טאַנצנדיקע אויגן. רייצט. ציט.
אַט-אַט...

* * *

הייזער גרויסע, אוינן טויזנטער, מענטשן אַרום.
איך — ברען.
זי — אַ בליק אַ צוזאַגנדיקער.
— היינט ?
— היינט !
איבער נאַסן, איבער בריקן, שטיינער און ציגל, בערג
און טאָל, פליט ווילד אונדזער אָטאָמאָביל.
וואלד. פאַרגעסענער, פאַרצווייגטער, באַוואקסענער.
זוכן מיר.
זי — יאַנאַדעס.

איך — אַט-אַט, אַזוי נאָענט...
וואַלקנדיק. דונערט. דערשרעקט זי זיך...

*   *   *

נאַכט. שפּעט. זייער שפּעט. לאָקאָמאָטיוון קרעכצן. אַ שיף געזעגנט זיך. אַ זייגער קלאַפּט: איינס, איינס, איינס... אפשר הונדערט מאָל: איינס... נאָך אים — אַ צווייטער און אַ דריטער.

ווידער שאַ.

שוין שפּעט. זייער.

זי? קומט?

יע? ניין!

מילך-וועגענער קלאַפּן. צייטונגס-פאַרקויפער לויפן. שוין פרי.

אָפּגענאַרט.

# קישעלעך

א לאַבנדיקער פרימאָרגן.
א קינדער-צימער.
און אין קינדער-צימער שטייט א בעטעלע.
אויפן בעטעלע — צוויי קליינע, און ווייסע ציבעלעך,
קישעלעך.
אויף די קישעלעך ליגט דאָס קינד פּיינעלע.
פּיינעלע וואַרפט מיט די הענטלעך און פיסעלעך.
די פיסעלעך שלעפט זי מיט די הענטלעך צום מײַלעכל.
טרעפט מיט די הענטלעך אין די אייגעלעך.
די אייגעלעך גיסן טרערעלעך.
און די טרערעלעך פאַלן אויף די קישעלעך, וועלכע ליגן
אויפן בעטעלע, וואָס שטייט אין קינדער-צימער.

---

א שיינער בייטאָג.
א מיידלשער צימער.
וועגט פאַרהאַנגען מיט בילדער, פענצטער אין בלומען.
א בעטל.
אויפן בעטל — צוויי קליינע, און בלוי-זיידענע ציבעלעך,
קישעלעך.

אויף די קישעלעך ליגט פּאַניע.
טראַכט זי:
— וואָרום איז ער היינט ניט געקומען?
— וואו איז ער?
זי טראַכט און די אויגן גיסן טרערן.
און די טרערן פאַלן אויף די קישעלעך, וועלכע ליגן אויפן בעטל, וואָס שטייט אין מיידלשן צימער.

---

א כמאַרנער פאַרנאַכט.
אין צימער שמעקט מיט קברות-בלעטלעך.
אַן אַלט צעבראָכן בעטל.
אויפן בעטל — צוויי קליינע, אין צעריסענע, שמוציקע ציכעלעך, קישעלעך.
אויף די קישעלעך ליגט די אַלטע באָבע פּיינע.
ס'ווערט טונקעלער.
זיפצט די באָבע:
— איז אַלץ שוין פאַרביי?
קרעכצט:
— קיין איין קינד ניט פאַר אירע אויגן!
די אויגן גיסן טרערן.
און די טרערן פאַלן אויף די קישעלעך, וועלכע ליגן אויפן אַלטן בעטל, וואָס שטייט אין צימער און שמעקט מיט קברות-בלעטלעך.

# ביינאַכט

נאַכט — ליבע.
הימל — שטילער, רואיקער ;
לופט — רייצנדיקע.
שטערן — שיינען-אויף, טאַנצן ;
פייגל — פרייענדיקע.
גראָז — גלייכע, שטאָלצע.

צוויי אינאיינעם.
דאָס לעבן — באַזיסן.

אָפּגעקילטע.
מידע.

נאַכט — צאָרנדיקע, אומרואיקע.
הימל — בייזער ;
לופט — שווערע, שטיקנדיקע.
שטערן — פאַלן ;
פייגל — שפּרינגען, קלאָגן.
גראָז — צעטראָטענע.

# אליבע

### (א ראָמאַן אין דריי טייל מיט אַן עפּילאָג)

ערשטער טייל :

ער איז געקומען צופאָרן קיין א., זי איז אויך ניט לאַנג געקומען קיין א. ; ער איז פון א קליין שטעטל, זי איז אויך ניט פון קיין גרויסער שטאָט ; זי גייט אויף די קורסן, ער גייט אויך.

מ׳האָט זיך באַגעגנט.

ער האָט אויף איר א קוק געטאָן. זי האָט אויף אים א קוק געטאָן.

מ׳האָט זיך באַקענט.

זי גייט פון די קורסן. ער גייט אויך.

מ׳שפּאַצירט.

מ׳רעדט :

אידעאַל. ליבע. זעלבסטשטענדיקייט. ליטעראַטור.

ער האָט געקוקט אויף איר, זי אויף אים.

צווייטער טייל :

ס׳איז אוועק א צייט.

זי האָט א קוק געטאָן אויף זיך און איז רויט געוואָרן,

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און איז בלאַס געוואָרן. זי האָט געגלאָצט אַ טרער, אים איז אויך פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אַ קוק אהער, אַ קוק אהין.

ער האָט נעגעבן אַ טעלעגראַם זיינע עלטערן. זי האָט געגעבן אַ טעלעגראַם אירע עלטערן.

דריטער טייל:

אַ קליין צימער אויפן דריטן שטאָק.
מ'רעדט שוין ווינציקער. אנדערע ווערטער:
אַ פונט ברויט. אַ שטיקל הערינג. גאַז.

ער לויפט אַרום זוכן פּרנסה, זי לויפט אים זוכן; זי שלאָפט ניט קיין נעכט, ער שלאָפט אויך ניט. זי קוקט אויף אים, ער קוקט אויף אַנדערע. אַ קוק אהער, אַ קוק אהין. ער שרייבט אַ בריוו זיינע עלטערן, זי שרייבט אַ בריוו אירע עלטערן.

עפּילאָג:

זי איז ביי אירע עלטערן אין קליינעם שטעטל. וויגט לייבלען. ער איז אין אַן אַנדער שטאָט. לעבט איבער דעם זעלבן ראָמאַן איבער אַ ניים.

# איך ווייטיק

אויפֿן וואָקזאַל.

די סאָלדאַטן פאַרלאָזן די שטאָט.

שטייען נעבן זיי זייערע געליבטע, האַלדזן און אומאַרמען זיך.

מ'געזעגנט זיך.

דער צוג רירט זיך.

די מיידלעך כאַפּן די טיכעלעך צו די אויגן, ווישן שטיל די טרערן און שיקן לופֿט־קושן.

נאָר איין מיידל, וועלכע איז די גאַנצע צייט אַליין געשטאַנען, כליפּעט העכער פֿון אַלע, וויינט שטאַרקער פֿון אַלע.

מ'איז צו איר צוגעגאַנגען, זי טרייסטן געוואָלט, אָבער זי האָט זיך פֿון זיי אָפּגעקערט און איז אוועק מיט אַ געוויין.

איר אומגליק איז צו גרויס... זי קען זיך ניט טרייסטן...

זי וויינט דערפֿאַר, וואָס זי האָט ניט נאָך וועמען צו וויינען.

## צוויי מאָמענטן

אין אַ מאָמענט פון טרויער און פוסטקייט האָב איך זיך צום טייוול נאָך הילף געווענדט:

— „מאַך מיך פרייליך, דו וועסט דיין באַצאָלט באַקומען".

„איך וועל דיך אין אַ ווייבערשן שלאָף־צימער, אונטער אַ פאָרהאַנג, באַהאַלטן און דו וועסט פאַרגעניגן האָבן" — האָט דער טייוול געזאָגט.

איך בין איינשטימיק געווען, און מיר זיינען אַוועק.

אין אַ ווייבערשן שלאָפצימער.

און זי איז ניט אַליין געווען.

אָבער דאָס איז געווען מיין אייגענע ווייב, אין מיין וואוינונג, מיט מיינעם אַ פריינט.

איך האָב זיי הרגענען געוואָלט.

„דאָס וועט דיך צופרידנשטעלן, אָבער וואו איז מ י י ן לוין?" האָט דער טייוול נעטענהט.

און זיי זיינען ביידע לעבן געבליבן.

דער טייוול האָט זיי אויף ד ע ר וועלט געדאַרפט.

* * *

אין אַ מאָמענט פון פאַרצווייפלונג און איינזאַמקייט האָב איך זיך צו גאָט געווענדט:

„ס'איז מיר אומעטיק, העלף מיר, איך וועל דיך צו-פרידנשטעלן.“

„איך וועל דיך אין אן אָרימער וואוינונג ברייננגען, וואו טויט און הונגער רוען. וועסט דאָרט עטוואָס העלפן קענען און פארגעניגן האָבן.“

איך האָב איינגעשטימט און מיר זיינען אוועק.

אין א קאַלטן צימער איז פארהונגערט א האַלב-נוסטע פרוי מיט א קליין קינד געלעגן.

דאָס איז מ י י ן פרוי מיט ז י י ן קינד געווען.

איך האָב זיי העלפן געוואָלט.

„אָבער דאָס וועט דיך צופרידנשטעלן און וואו איז מ י י ן לוין?“ האָט גאָט געטענהט.

און זיי זיינען ביידע פון הונגער געשטאָרבן.

גאָט האָט זיי אויף יענער וועלט געדאַרפט.

# און דאָך —

(פּ ע)

ער האָט איר געהאַלטן אין איין קושן.

פאַרפירעריש האָט זי אויסגעבויגן אירע ליפּן, אָנגעריירט אים מיט אירע דינע הענט און אים געריצט מיט אירע, גלאַטע, אויסגעטאָקטע, אַקסלען.

זי האָט פאַרוואָרפן איר קאָפּ און אים טאַנטאַליזירט מיט אירע משופעדיקע גרויע אויגן. זי האָט אפילו דערלויבט איר מויל צו רוען אויף זיינעם אַ מאָמענט.

און דאָך —

האָט זי אים אַ פּאַטש געטאָן.

איר מאַן איז אין צימער אַריינגעקומען.

# אַ נייע ליבע

פאַרמאַך איך שטאַרקער מיינע אויגן-טירלעך — זאָל קיינער ניט זען די ליבע-אויפגאַנג אין זיי.

פאַרביים איך שטייפער מיינע ליפּן — ניט אַרויסזאָגן דאָס געבורט פון אַ נייער ליבע.

אַ נייע ליבע.

און די אויגן, און די ליפּן, ווילן דערציילן, ווילן אַנט-פּלעקן —

אַלעס, פאַר אַלעמען, פאַר דער גאַנצער וועלט!

גייען מיר זיך —

אונדזער באַשטימטן וועג, צו אונדזער באַשטימטן ציל, צו אונדזער אויסגעקליבענעם צוועק. אונדזערער פון נעכטן, פון היינט און — ווי מיר דיינקען — אויך פון מאָרגן...

פליט פלוצלינג פאַרביי —

אַ יוגנט-טרוים, אַ מאַי-חלום, אַ גליק-צוזאָג...

און —

צעשמעטערט אונדזער ציל, צו נישט אונדזער צוועק און פאַרלאָרן אונדזער וועג.

דער אַלטער — ניט מער!

א נייער, באַשאָטן מיט א ווייסן געלעכטער, וועג; באַ-
בלומט מיט רויט-זאַפטיקע באַקן, באַפּוצט מיט א שניי-ווייסן
פּרויען-קערפּער.
א נייע ליבע.

פאַרמאַך איך שטאַרקער מיינע אויגן-טירלעך — זאָל
קיינער ניט זען די ליבע-אויפגאַנג אין זיי.
פאַרביים איך שטייפער מיינע ליפּן — ניט אַרויסזאָגן
דאָס געבורט פון א נייער ליבע.
א נייע ליבע.

# מערי

ער האָט זיך ביי איר געבעטן:
— מע-רי!
און זיינע אויגן האָבן ליידנשאַפטלעך געברענט.
זי איז אָבער אייז-קאַלט געווען און רואיק צו דער טיר אַ האַנט אויסגעצויגן:
— דו וועסט שלאָפן גיין אין צווייטן צימער.
— וואָרום?
זי האָט אָבער גאָרניט געענטפערט, נאָר איז צו צו דער טיר, און וואַרטנדיק, שטיין געבליבן.
ער האָט פּרובירט נאָך אַמאָל צו בעטן, אָבער...
מערי האָט שנעל די טיר פאַרמאַכט, איבערגעדרייט דעם שליסל און ביי דער פאַרשלאָסענער טיר, נאָך אַלץ ווי אויף עפּעס וואַרטנדיק, שטיין געבליבן.
ער האָט זיך שנעל באַרואיקט, זיך באַקוועם אויסגעצויגן אויפן בעטל און איז איינגעשלאָפן.
זי איז אָבער די גאַנצע נאַכט נעבן טיר געשטאַנען, זיך צוגעהערט און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, דערוואַרטעט און געהאָפט:
— פּליצלינג וועט ער צוריק קומען!...

## ווי גוט און שיין . . .

גליק.
שאַטנס פון גליק.
וואָס נעכטן געווען!
וואָס נעכטן געווען און היינט שוין ניטאָ.
וואָס מיר האָבן נעכטן ניט באַמערקט, טוען מיר היינט
זוכן מיט הונדערט אויגן.
נעכטן האָט געשיינט!
וואו איז דאָס? טוט אונדז באַנג.
און אַז ס'איז דאָ אויך היינט,
וואָלטן מיר געזאָגט אַ דאַנק,
ווען ס'גייט שוין אַוועק
און ס'זאָל ווערן פון דעם אַן עק.
און מיר גלויבן, אַז —
גוט און שיין
איז י ע נ ע ראָזע געווען!

---

פיל ראָזעס האָב איך אין מיין לעבן געהאַט: מיט אויגן
שוואַרצע, קליינע און מיט בלויע, טיפע. ראָזעס מיט לאַקן
גאָלדענע און מיט האָר שוואַרצע, לאַנגע; מיט ליפּן, וועלכע

שמייכלען אימער און מיט ליפּן, וועלכע בעטן זיך, מ׳זאָל זיי א קוש טאָן.

און אין העכסטן עקסטאַז, ווען איך האַלדז, קוש און נעמים פון א גרויסן לעבנס-גליק, טראַכט איך:

ווי גוט און שיין,
איז י ע נ ע ראָזע געווען!

---

עלנד בין איך.
עלנד און איינזאַם.
און נישט נאָר דאַן, ווען איך בין אליין.

אין דער גרעסטער געזעלשאַפט, צווישן פיל באַקאַנטע און חברים, ווען אַרום און אַרום איז פול מיט יונג-לעבן; די מוזיק שפּילט, מ׳טאַנצט און מ׳לאַכט. „זי" שעפּטשעט מיר איר פאַנטאַזיע, אַז זי האָט מיך ליב, אַז זי האָט די מעגלעכ-קייט מיר צו געבן לעבן און גליק... זי איז גרייט אַלעס צו טאָן צוליב מיר, נאָר פאַר איין וואַרימען קוש, פאַר איין ליב-לעכן שמייכל...

נאָר מיר דרייט זיך אַלץ אין קאָפּ:

אַך, ווי גוט און שיין,
איז י ע נ ע ראָזע געווען!...

# אַ קוש

זיך באַגעגנט —
אין אַ שטילער, ליכטיקער, נאַכט, ווייט פונדערהיים.
צווישן פרעמדע מענטשן, אין אַ פרעמד אָרט.
ווען —
אַ שרעקלעכע איינזאַמקייט דריקט דאָס האַרץ, ס׳הויבט זיך אָן דערמאָנען די פאַרגאַנגענהייט און ס׳טוט באַנג פאַר דעם אַלעמען, וואָס ס׳איז געווען און ס׳וועט שוין מער ניט זיין.
לאַנגזאַם ציט זיך די צייט, נאָגט - נאָגט דאָס האַרץ, בייִנקט - בייִנקט, נאָך דער יוגנט, וואָס איז אַוועק אַזוי געשווינדט, די קינדערשע חלומות, וואָס זיינען אַזוי פרי אָפּ-געשטאָרבן.
אין אַזאַ נאַכט —
זיינען מיר געזעסן און געשוויגן.
גערעדט האָבן:
הויכע סאָסנעס, שטיל ווינקנדיק, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געפּלייסט ניט שטערן די אַרומיקע שטילקייט.
גערעדט האָט:
אַ שטיל ווינטעלע, וועלכעס, פאַרבייגייענדיק דורך אונ-דזערע ליפּן, האָט איבערגעגעבן קושן —

ריינע — זיי זיינען געווען נאָר אין טרוים;
פּייערדיקע-הייסע — זיי זיינען געווען נאָר אין דער פאנטאזיע.

שטילערהייט:

האָב פאר איר געקניט, געקוקט אין אירע שווארצע אויגן און שטארק געדריקט איר האנט.

אירע אויגן האָבן א ציטער געטאָן:
דער לעצטער טאָג!
נאָך א ווײַלע צו זיין צוזאמען — איבערגעבליבן.

זי האָט שנעל א כאַפּ געטאָן מיין האנט צו אירע ליפּן,
א שטילן קוש געטאָן און פארשוואונדן געוואָרן.
איינאונאיינציקער קוש און ניט מער!...

# אַמאָל איז אַ פרוי געווען

אמאָל איז א פרוי געווען.
א פרוי געווען, וועמען צוויי מענער,ביידע רייכע און שיינע, האָבן ליב געהאַט.
איין מאַן — א פריילעכער, א לעבעדיקער; דער צווייטער — א רואיקער, א דרעמלענדיקער.
די פרוי האָט קיין איינעם פון זיי ניט געליבט.
זי איז דאָך אָבער א פרוי געווען און ביידע מענער זיינען רייך געווען און ביידע מענער זיינען שיין געווען.
איז זי פון ביידע מענער געקושט געוואָרן.
איינער האָט געקושט, געהאַלדזט, געאַרעמט און אייביקייט פאַרזיכערט.
דער צווייטער האָט קושנדיק, געגענעצט און זיך די אויגן געריבן.
זי איז א פרוי געווען.
האָט זי מיט׳ן צווייטן חתונה געהאַט און דער ערשטער איז איר געליבטער געוואָרן . . .

# מיט זיך

האָט א טראָפּן טינט געזאָגט צום שרייבער:
— דו קנעטסט און שאפסט מיט מיר פרעמדע לעבנס, נו און דיינס?

* * *

דער שרייבער האָט די פעדער אוועקגעלייגט און גענומען א בוך אין האנט. אָבער ניט געוואוסט וואָס ער לייענט און זיך פארטראכט.

און דער טראָפּן טינט אויפן שפּיץ פעדער האָט ווייטער גערעדט:

— קליין איז דיין צימער און ענג, פאר צוויי אומבא-קוועם. ארומגייענדיק זעסטו: אזוי פיל ברייטקייט און גראַמ-קייט. ווענט מיט זעקס און אכט פענצטער קוקן אויף דיר אזוי חוצפּהדיק און רייצן זיך מיט דיר: דו האָסט א קליין צימער מיט איין פענצטער נאָר — פאר דיר און דיין ווייב.

כסדר געטראכט וועגן אנדערע, זיך — פארגעסן.

וועלטן — ברייטע, שיינע פארטראכט, גרויסקייט גע-טרוימט, מעכטיקייט געחלומט און ביי גאָרניט געבליבן.

קענגן דער ווירקלעכקייט — געדאנקען וואָס באדייטן? היינט ביזטו ביי א זיצונג געווען.

קהלסט זיך.

טומלסט זיך.

פארגעסט זיך.

האָט אָבער אין דיר א געדאַנק אויפגעלעבט, דיך ניט רוען געלאָזט און די זיצונג האָסטו פארלאָזן:

אַלע זאַטע, באַזאָרגטע...

הערט זיך פון דער גאָרער ווייט קינדער-געוויין, קינדער-געלעכטער... רייסן זיך יאָרגלאַנג פון דיין מארך, פון דיין הארץ, פון אַלע דיינע גלידער, — דיין איך צו פארצווייגן, דיין לעבן צו דערפרייען, א קוואַל אין דיין נשמה צו עפענען...

* * *

— שוין צייט שלאָפן גיין — האָט זיך די ווייב אריינגעמישט.

די פעדער האָט זיך דערשראָקן און איז רואיק ליגן געבליבן.

# דאָס חזיר-ליד
(נאָכגעמאַכט)

מ׳דערציילט:
ערגעץ וואו ווארימט א זון, שיינט א לבנה, גרינט א וואלד,ווארפט זיך פאנאנדער א ברייטער, ריינער האָריזאָנט.
מ׳זאָגט.
אָבער ווער דאַרף דאָס ווי סן ? ווע מען גייט דאָס אָן ?
איך — כריו, כריו...
שלאָף זיך גאַנץ רואיק אוים, אויך דאָ, אינם גרעסטן שמוץ.
יע, איך בין שטאָלץ, איך בין גרוים,
איך בין א חזיר דורכאויס...

---

מ׳דערציילט:
ערגעץ-וואו הונגערט מען, קליינע עופהלעך חלשן נאָך א שטיקעלע ברויט, דורשטן נאָך א טראָפּן וואסער, מוטערם דארפן דאָס צוזען.
מ׳זאָגט, יע.
אָבער ווער דאַרף דאָס ווי סן ? ווע מען גייט דאָס אָן ?
איך — כריו, כריו...

אבי  א י ך  בין זאַט, ס׳איז נאָר אומגעזונט צו טראַכטן פון יענעמס צרות.

יע, איך בין שטאָלץ, איך בין גרויס,
איך בין אַ חזיר דורכאויס...

---

מ׳דערציילט:

ערגעץ-וואו ווערן מיינע ברידער און שוועסטער אין טויזנטער נעקוילעט, פון זייער פלייש מאַכט מען פאַרשידענע וואורשטן.

יע, מ׳זאָגט.

אָבער ווער דאַרף דאָס וויסן? וועמען גייט דאָס אָן?

איך — כריו, כריו — לעב... איך — כריו, כריו — פרעס גאַנץ געשמאַק!

איך בין שטאָלץ, איך בין גרויס,
איך בין אַ חזיר דורכאויס...

## פאַרט ווייטער!

(נאָכגעמאַכט)

איר מעגט זיין גוט, איר מעגט זיין שלעכט — מיר איז אַלצאיינס!
וואָס קוקט איר אַזוי מיט מיטלייד — ווער בעט אייך?
מיינע קליידער זיינען צעריסן — וואָס גייט דאָס אייך אָן?
איר זענט זאַט — טאָ פרייט אייך!
וואָס? איר האָט פאַרגעניגן צו זען, ווי דער אָרעמאַן, באַקומענדיק אַ פּאָר קופּערנע מטבעות, קוקט אויף אייך מיט דאַנקבאַרע אויגן? נאָך אַ גוטן זאַטן מיטאָג איז דאָס זייער אַנגענעם!...
פאָרט ווייטער!

---

איר מעגט זיין גוט, איר מעגט זיין שלעכט — מיר איז אַלצאיינס!
צוליב וואָס זיין גוט — קיין סאָך צו זוינן פון מיר איז שוין ניטאָ.
צוליב וואָס זיין שלעכט — אַלצאיינס קען איך שוין גאָרנישט טאָן.
וואָס בין איך? ווער בין איך?

אלעס האָב איך שוין אין שיינס פאַרזעצט. כאַ-כאַ-כאַ!
איז וואָס?
— בין איך אַ שיכור!
פאָרט ווייטער!

---

איר מעגט זיין גוט, איר מעגט זיין שלעכט...
אמאָל —
האָב אין אייערע טירן געקלאפּט. מיט מיין אַלטע, גרויע, מוטער און מיט מיין אומגליקלעכע שוועסטער.
איצט —
צוליב וואָס זיין שלעכט — מיין מוטער איז שוין לאַנג געשטאָרבן.
צוליב וואָס זיין גוט — מיין שוועסטער איז שוין לאַנג דאָס, וואָס א י ר האָט געוואָלט...
פאָרט ווייטער!

# בין-השמשות

(פוילן געווידמעט)

צווישן טאָג און נאַכט.
לופט הערבסטיקע, טויטע איינזאַמקייט, בוימער נאַ-
קעטע.
טרויערן די בוימער איבער זייערע קינדער, וועלכע וואַל-
גערן זיך ביי זייערע פיס, וואַרטנדיק אויפן קברן — דעם
ווינט.
לוסטיק איז דער ווינט, לוסטיק און שטיפעריש.
פאַרשלעפּט ער ערגעץ די אָפּגעשטאָרבענע בלעטער און
איינציייטיק אויך מיין היטל.
קייקלט זיך די היטל, לויף איך נאָך און —
אויגן צוויי קוקן פון א פענצטער ארויס.
פון א פענצטער מיט שווארצן באהאנגען.
ווייס איך:
ניט צו מיר, נאָר צום ווינט האָבן זיי געקוקט.

---

אויגן צוויי!
זייט מיר א —
— ניין, געליבטע האָב איך שוין צופיל.

— אַ שוועסטער!
אַ שוועסטער אין שוואַרצן!
און ווערט דיין געזיכט פון טרערן געקושט, און שפּיגלט
זיך אָפּ אין דיינע אויגן מיין נעכטן —
ניט ענטפער מיר, דו טרויער־קינד.

---

איך ווייס:
ליכטיק וועט זיין אַרום.
און אויף די וועלט־חורבות וועט זיך צעבליִען:
אַ פריי־לאַנד.
און מיר?
באַגלייטן אונדזערע ליבסטע צו אייביקער רו...
געשאַכטענע פון די, וועמען מיר האָבן פרייהייט קריגן געהאָלפן...
געפּייניקטע פון די, פאַר וועמען מיר האָבן בלוט פאַרגאָסן...
מיט זיי, פאַר זיי און פון זיי...
כאַ, כאַ־כאַ!
לאַכט ער.
דער ווינט.
און פאַרשלעפּט ערגעץ די אָפּגעשטאָרבענע בלעטער.
לופט הערבסטיקע. טויטע איינזאַמקייט, בוימער נאַקעטע.
צווישן טאָג און נאַכט.

## צוויי וועגן

צוויי טייכעלעך זיינען זיך געפלאָסן זייער וועג.

איינער — אַ ברייטער, אַ גלייכער.
אָנפאַנג — פון נעכטן; מיט אַ ציל — צום מאָרגן.
אליין — אַ זיכערער.
ווייסט — פונוואַנען.
פעסט — וואוהין.

דער צווייטער — אַ שמאָלער, אַ פאַרדרייטער.
ניט קיין אָנפאַנג — איבערגעריסן מיטן נעכטן; מ׳זעט
ניט קיין ענד — גלויבט ניט אינם מאָרגן.
אליין — אַ רעטעניש.
פאַרגעסן — פונוואַנען.
צווייפלט — וואוהין.

---

האָבן זיי זיך באַגעגענט.

ער און זי.

צווישן צוויי וועלטן — די אַלטע אָפּשטאַרבנדיקע און
די יונגע נאָך ניט צעבליטע — האָט ער איר געזוּפן:

„קום מיט מיר!
פארגעס דעם נעכטן. מאָרגן — ווער ווייסט צי ער וועט קומען? היינט — אַ ליכטיקער, אַ קלאָרער, אַ דורכזיכטיקער!
קום מיין וועג!
אַ וועג — פול מיט לײדנשאַפט, מיט באַגערן, מיט ווירקלעכקייט. אַלעס — היינט. מאָרגן — וועט גאָרניט זיין.“

זי האָט מיט איר פערציק-יעריקן לעבנס-קוואַל, באַלאָדן מיט פארלאַנגען ניט באַפרידיקטע, פול מיט טרוימען וועגן זאַכן קיינמאָל ניט געוואַגטע — אַ ציטער געטאָן און זיך דערשראָקן:
„צוויי דורות קוקן אויף מיר. דער אַלטער, באַלד פארגעסענער; דער יונגער — נאָך ניט צעבליטער. איך — אינדערמיט אויפן גלייכן אויסגעצווייגענעם שליאַך. ניט רעכטס, ניט לינקס. נאָר גלייך. אַזש אין די אויגן שווינדלט.
אמת:
אינדערמיט פון די צוויי וועלטן ברען איך אין וואונטשפלאַמען; בין דורשטיק נאָך זינד-אויפברויז. הונגעריק נאָך אומרואיקייט.
כ׳מוז אָבער שפאַנען ווייטער מיין אייגענעם וועג —
אַ וועג אַ גלאַטן, פונם דור דעם אַלטן, דעם שוין אָפּשטאַרבנדיקן — און אויסגעטראָטענעם; צוגרייטנדיק אַ סטעזשקע פאַר דעם יונגן, ערשט אויפקומענדיקן, דור.
גיי דיר דיין וועג!“

צוויי טייכעלעך האָבן זיך ערגעץ-וואו צופעליק באַגעגנט. ערשט נעכטן פרעמדע און היינט — אַזוי נאָענט-אייגן.

זיי האָבן זיך פאַר א ווײַלע דערנענטערט.

אָבער —
די צוויי שטראָמען האָבן זיך ניט איבערגעהאַקט איינער אין צווייטן און זיי זײַנען זיך ווייטער געפלאָסן זייער וועג.

## מאַי-קאַ-משמע-לן ?

פון חדר אָן צוגעוואוינט :
אַלעם מיט א סיבה צו דערקלערן.
די גאנצע וועלט איז באשאפן געוואָרן צוליב ישראלן.
ישראל לעבט צו לערנען תורה.
און תורה דארף מען לערנען — נחת רוח דעם כביכול צו פאַרשאַפן.
און צעבליט זיך א בוים, צעשפרייט זיינע שטאַלצע צווייגן און דו פילסט א ווארימקייט אין הארצן — טאָרסט עס ניט באַמערקן.
שיינקייט אליין — מאַי-קאַ-משמע-לן ?

---

בליען די בלומען — די בין זאָל זיי זויגן און האָניק שאַפן.
און האָניק דארף מען —
א ברכה צו מאכן...
דער רעגנבויגן איז א סימן, און די לבנה צו מחדש — אָדער מקדש — זיין.
פרוכטן זיך די ביימער — אידישע קינדער זאָלן הנאָה האָבן און מיט מער חשק תורה לערנען.

און במילא האָבן שוין די אומות-עולם אויך הנאה...
זײַנען מיר פון חדר אַרויס, איבער װעלט צעשפּרייט,
אונדזערע באַגריפן געביטן, איינס איז פאַרבליבן:
מאי-קא-משמע-לן ?

---

מאי-קא-משמע-לן די פייגל — ווער דאַרף זייער זינגען ?
מאי-קא-משמע-לן די פרוכטלאָזע ביימער — אַז וואָס
צו עסן איז אויף זיי נישטאָ ?
מאי-קא-משמע-לן דער שרײַבער — מיט זײַן צער, מיט
זײַן טרויער, מיט זײַן וויינען, מיט זײַן קלאָגן —
מאי-קא-משמע-לן ?